## לאנדאנער קולטור ידיעות (המשך)

די אקטריסע און זינגערין עלען ווינאגראד, די פרוי פונם זינגער און אקטיאר סעם גאלדבערג איז נאך א שווערע קראנקהייט געשטארבן.

נישט נאר די ציוניסטישע ארגאניזאציע, נאר אונזער גאנצע יידישע קהילה איז מיטבאטייליקט אינם טרויער, איבער נפטר ווערן פון פראפעסאר בענטוויטש, א סך יארן געווען פראפ. אין ירושלים אוניווערזיטעט און דר. פאקס, דער פרעזידענט פון די יידישע טאג־שולן אין לאנדאן.

מיטן נפטר ווערן נאך א שווערער אפעראציע פון שרייבער יעקב ריכטיגער האט אונזער יידישלעכער ישוב געליטן א גרויסע אבדה. מיר האבן פארלוירן א גרויסן מלומד און תלמיד חכם; בפרט מיר פון די „יידישע שבת־נאכמיטאגס״, וואו ער האט אפט גערעדט איבער פילאזאפישע פראגן, איבער יידישער געשיכטע. ער איז געווען כמעט 20 יאר א שטענדיקער מיטארבעטער אין „לשון און לעבן״ — חבל על דאבדין! אונזער טיפע מיטלייד צו דער פרוי, טעכטער און איידעמס.

די אנגעזעענע רבנים אין לאנדאן, דיין שטיינבערג, דיין קראוז, דער ראש־ישיבה שמחה זיסל לאפיאן, זענען פארגאנגענעם חודש נפטר געווארן. פאר אונזער יידישן ישוב דא, אן אבידה שאינה חוזרת.

ווי אלע יאר פייערן מיר דעם יום־העצמאות, דעם צווייטן שבת נאך פסח.

דאס בארימטע ספרים־געשעפט, שאפירא און וואלענטיין, וואס האט עקזיסטירט איבער 150 יאר און זיך פארנומען מיט רומ״ל ספרים, העברעאישע, יידישע און ענגלישע ביכער, האט זיך פארמאכט דעם חודש. די געשיכטע פון דעם געשעפט, וואס איז געווען דער ערשטער פארלאג פון „דזשואיש קראניקל״ און האט אויך ארויסגעגעבן וויכטיקע ספרים, מחזורים, סידורים און אפילו מאדערנע יידישע ביכער — זיין לעצטער בעל־הבית איז געווען שמעון אבראמסקי, איצט דאצענט פון יידישער געשיכטע אויפן לאנדאנער אוניווערזיטעט—די געשיכטע איבער דעם בארימטן ספרים־געשעפט מוז נאך אנגעשריבן ווערן.

אויף דער בר־מצווה סעודה פון הבחור דוד יותם, דעם בן יחיד פון ד״ר מאיר און טעא גערטנער, איז געווען א ראנדעוואו פון דער עליטע און גייסטיקייט פון יידישן לאנדאן.

סעם דרין, וואס געפינט זיך איצט אין לאנדאן אויף א באזוך פון אמעריקע, האט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס דערציילט פון דארטיקן יידישן לעבן.

קלארא פרידמאן, וועמענס בילדער שוין געווען אויסגעשטעלט אין דער ווייטשעפל־לייבערי, גרייט־צו א גרויסע אויסשטעלונג. צווישן אירע איבער 100 בילדער געפינען זיך א סך יידישע און ישראל מאטיוון.

פארגאנגענעם חודש ביים שבת לכבוד פורים, געווידמעט יידישן הומאר, האט מען פארגעלייענט א הומארעסקע פון ווענדראף, וואס מאסקווער יידן און יידישע שרייבער דארט האבן איצט געפייערט זיין 94־סטן געבוירן־יאר.

די „לאנדאנער טעאטער גרופע״ האט אויפגעפירט א יידישע קאמעדיע „א פריילעכע משפחה״ אין ברעדי־קלוב אין ווייטשעפל, דאס שפילן האט גאר שטארק אויסגענומען.

בעקי גאלדשטיין, „די מאמע״ פון יידישן טעאטער, איז אין עלטער פון 94 יאר דעם חודש געשטארבן.

297

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־8 (העפט 389־90) 32סטן יאר יולי־אויגוסט לאנדאן, 1971

אינהאלט


„שערי־ציון״ באלאדע, ירושלים א.א. ....... *** 3

דריי און צוואנציקסטע יאר מדינת־ישראל ....... ח. נ. בענקוויטש 10

א טרויעריקע דאטע! ....... אסתר ערלעכמאן 12

בערעלע דער טרעגער (דערציילונג) ....... שמעון ווזעק 13

די הויפטזאך איז רייפקייט (דערציילונג) ....... וויליאם גאלדמאן 16

דער עגאאיסט (ליד) ....... עלא זילבערג 23

דער נייער אנהייב, שוואנען־געזאנג־באלאדע ....... א. נ. שטענצל 23

י. ל. פיין ע״ה ....... אייזיק גאלדבערג 33

א שלעכט באצאלטע רעקלאמע (סאטירע) ....... ש. 36

לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס



אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND


**מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאָנאַמענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אויבעס. שיקט צו ראש־השנה־ווּנטשן פארן קומענדיקן נומער**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

ביי דער לעבעדיקער יידישער צייטונג, איינגעפירט פון יידישן שרייבער-פאריין און יידישן וועלט-קאנגרעס, אונטערן טיטל „דער יידישער סידור“, האט ד״ר יעקב מייטליס געגעבן אן אויספירלעכן ארייגפיר צום אנהייב פון דער רעליגיעזער ליטערא־טור אין יידיש. ד״ר האמא האט גערעדט איבער די ערשטע תנ״ך־איבערזעצונגען און געלייענט אויסצוגן פון זיי. אייזיק גאלד־בערג האט פארגעלייענט ד״ר מאיר גערט־נערס אן ארטיקל פון „לשון און לעבן“ מיטן טיטל „דער יידישער סידור“.

די טעאטער־גרופע אין לאנדאן האט פאר־גאנגענעם חודש געשפילט מיט גרויס דער־פאלג אין מאנטשעסטער. זיי האבן זער שטארק אויסגענומען ביים עולם.

ביי דער לעבעדיקער צייטונג לכבוד די יארצייטן נאך הערצל, ביאליק, זשאבאטינ־סקי האבן גערעדט בת־ציון אייבערהעמס, טראמפעטער, און שטענצל. יואל צאנג האט גערעדט איבער די סאוויעטישע יידישע קדושים־שרייבער 1952.

ליידי הענריקעס געפינט זיך זינט איי־ניקע וואכן אין שפיטאל. מיר ווינטשן דער חשובער פרוי און מאלערין, די געזעל־שאפטלעכע און קולטור-טוערין, א באלדיקע רפואה שלימה.

ד״ר מאיר גערטנער איז איניקע וואכן געלעגן אין שפיטאל. דער חשובער תלמיד־חכם און מלומד איז יעצט אויף קאנווא־לעסצענץ. מיר ווינטשן אים גאנץ געזונט צו ווערן און ווייטער צו קאנען אנגיין מיט זיין וויכטיקער עבודת־הקודש.

איבער י. ח. קלינגערס לעצטנס דערשי־נען בוך אין לאנדאן האט מען זיך גוט אפגערופן אין פארשיידענע פאריזער צײ־טונגען. דער באקאנטער שרייבער, א. ווייץ, שרייבט, אז „דאס בוך דערציילונגען ’דער צדיק פון מיראנדא’ איז א זייער וואגיקערביישטייער צו אונזער אלוועלטלעכער, קינסטלערישער פראזע״.

איבער משה בעקערמאנס בוך, אמאל און אצינד״, דערשינען יעצט אין לאנדאן, איז געווען א גוטע רעצענזיע אין דער בונדי־שער צייטונג אין פאריז—„אונזער שטימע״.

פון א בריוו פון א. גאלאמב, לאס־אנזשעלעס, איבער יעקב ריכטיגערס טויט: „איז שוין נישטא ריכטיגער, געווען א תלמיד חכם!“

דער פלוצלינגדיקער טויט פון דעם גוט־באקאנטן לאנדאנער מאלער, ארטשיבאלד ציגעלער, איינער פון די טוער אין בן-אורי פאריין, האט ארויסגערופן טיפן טרויער ביי זיינע פריינט און קאלעגן.

די מצבה לכבוד דער באקאנטער אקט־ריסע און זינגערין, עלען ווינאגראד, וועט געשטעלט ווערן דעם 22סטן אויגוסט. פיל קאנדאלענץ־בריוו פון אקטיארן און שרייבער ווי ש. טענענבוים, ירחמיאל בריקס און אנדערע זענען אנגעקומען צו איר מאן, דעם באקאנטן אקטיאר און זינגער, סעם גאלדבערג׳ צו אונזער גרויס באדויערן איז א פארדריסלעכער פעלער ארייגעפאלן אינם בריוו פון דער אמעריקאנער יידישער אקטיארן־יוניאן, געדרוקט פאריקן חודש אין „לשון און לעבן“—דער אונטערגעשריבע־נער דארף זיין הערמאן יאבליקאוו.

ביי די יידיש־ליטערארישע שבת־נאכ־מיטאגס האט מען צו די שלושים נאך י. ל. פיין געלייענט דעם נפטרס פעליעטאנען און לידער. גערעדט איבער אים האבן ח. נ. באנקוויטש, נעט רובין, אייזיק גאלד־בערג, מאיר באגדאנסקי און סעם לעף׳

ביי די יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמי־טאגס, געווידמעט די יארצייטן נאך הערצל און ביאליק, האבן גערעדט איבער הערצ־לען ח. נ. בענקוויטש און איבער ביאליקן פרוי אסתר ערלעכמאן.

דער יידישער וועלט־קאנגרעס האט אויפ־גענומען ביי א גלעזל טיי די געסט פון בוענאס איירעס, דעם באקאנטן יידישן שריי־בער, ברוך האגער, מיט זיין פרוי. באַ־גריסט די געסט האבן: יוסף לעפטוויטש, ד״ר יעקב מייטליס, פרוי סידא און אנדערע׳ דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקל. דער חשובער גאסט האט דערציילט פון יידישן לעבן אין בוענאס איירעס.

די גוט־באקאנטע ישראל שרייבער, שמיר און מגד, וואס זענען געווען א צייט אטא־שעס אין ישראל־קאנסולאט דא אין לאנדאן זענען אפגעפארן צוריק קיין ארץ־ישראל. מיר זאגן זיי א הארציקן „צאתכם לשלום“.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־8 (העפט 389־90) 32־סטער יאר יולי־אויגוסט 1971, לאנדאן

## ״שערי - ציון״* באלאדע

צעווייקט פון טרערן דער „שערי־ציון״,
נישט צו דערקענען מער קיין איינציק אות,
שטייט ביים ציון־טויער א סאלדאט איצט,
שונא צו באגעגענען מיט געצילטן שאס.

אין זון און אין רעגן יעדע רגע,
אויף טויט און לעבן אזוי שטייט ער גרייט;
צו באהיטן, צו באשיצן די שטאט,
נישט אפצוטרעטן א טפח די ברייט.

. . . דרייט זיך ארום משיח פול טרויער:
וויאזוי זשע קאן ער הען ארייגגיין,
אז פארן טויער א זעלנער שטייט?
און דרויסן אין גרויס געוויין בלייבט ער שטיין!

דערהערט דער שומר, דער באוואפנטער,
ביים ציון־טויער אויף דער וואך איצט שטייט,
דאס יאמערלעכע, דאס טיפע געוויין,
וואס קומט צו אים אריין פון יענער זייט.

גייט ער גיך צו און דערזעט משיחן —
בלייבט ער שטיין אויסגעצויגן, מיטן טראט!
און צעברעכנדיק די ביקס אויף שטיקער,
פירט ער אריין משיחן אין דער שטאט.

די נסים ונפלאות וואס געשען!
זע, דאס כלי־זיין וואס זיצט ביי זיין זייט,
ניק, נישט קיין שווערד איז עס און נישט קיין שפיז,
זיסע לידער אויסצוזינגען — א פלייט.

---

דאס תחינה־ספר איבער חורבן־ירושלים

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

ביי דער לעבעדיקער יידישער צייטונג, איינגעפירט פון יידישן שרייבער-פאריין און יידישן וועלט-קאנגרעס, אונטערן טיטל „דער יידישער סידור", האט ד"ר יעקב מייטליס געגעבן אן אויספירלעכן אריינפיר צום אנהייב פון דער רעליגיעזער ליטערא-טור אין יידיש. ד"ר האמא האט גערעדט איבער די ערשטע תנ"ך־איבערזעצונגען און געלייענט אויסצוגן פון זיי. אייזיק גאלד־בערג האט פארגעלייענט ד"ר מאיר גערט־נערס אן ארטיקל פון „לשון און לעבן" מיטן טיטל „דער יידישער סידור".

די טעאטער־גרופע אין לאנדאן האט פאר־גאנגענעם חודש געשפילט מיט גרויס דער־פאלג אין מאנטשעסטער. זיי האבן זער שטארק אויסגענומען ביים עולם.

ביי דער לעבעדיקער צייטונג לכבוד די יארצייטן נאך הערצל, ביאליק, זשאבאטינ־סקי האבן גערעדט בת־ציון אייברעהעמס, טראמפעטער, און שטענצל. יואל צאנג האט גערעדט איבער די סאוויעטישע יידישע קדושים־שרייבער 1952.

ליידי העגריקעס געפינט זיך זינט איי־ניקע וואכן אין שפיטאל. מיר ווינטשן דער חשובער פרוי און מאלערין, די געזעל־שאפטלעכע און קולטור-טוערין, א באלדיקע רפואה שלימה.

ד"ר מאיר גערטנער איז איניקע וואכן געלעגן אין שפיטאל. דער חשובער תלמיד־חכם און מלומד איז יעצט אויף קאנוואַ־לעסצענץ. מיר ווינטשן אים גאנץ געזונט צו ווערן און ווייטער צו קאנען אנגיין מיט זיין וויכטיקער עבודת־הקודש.

איבער י. ח. קלינגערס לעצטנס דערשי־נען בוך אין לאנדאן האט מען זיך גוט אפגערופן אין פארשיידענע פאריזער צײ־טונגען. דער באקאנטער שרייבער, א. ווייץ, שרייבט, אז „דאס בוך דערציילונגען 'דער צדיק פון מיראנדא' איז א זייער וואגיקער ביישטייער צו אונזער אלוועלטלעכער, קינסטלערישער פראזע".

איבער משה בעקערמאנס בוך, אמאל און אצינד", דערשינען יעצט אין לאנדאן, איז געווען א גוטע רעצענזיע אין דער בונדי־שער צייטונג אין פאריז—„אונזער שטימע".

פון א בריוו פון א. גאלאמב, לאס־אנזשעלעס, איבער יעקב ריכטיגערס טויט: „איז שוין נישטא ריכטיגער, געווען א תלמיד חכם !"

דער פלוצלינגדיקער טויט פון דעם גוט-באקאנטן לאנדאנער מאלער, ארטשיבאלד ציגעלער, אייגער פון די טוער אין בן-אורי פאריין, האט ארויסגערופן טיפן טרויער ביי זיינע פריינט און קאלעגן.

די מצבה לכבוד דער באקאנטער אקט-ריסע און זינגערין, עלען ווינאגראד, וועט געשטעלט ווערן דעם 22סטן אויגוסט. פיל קאנדאלענץ־בריוו פון אקטיארן און שרייבער ווי ש. טענענבוים, ירחמיאל בריקס און אנדערע זענען אנגעקומען צו איר מאן, דעם באקאנטן אקטיאר און זינגער, סעם גאלדבערג. צו אונזער גרויס באדויערן איז א פארדריסלעכער פעלער אריינגעפאלן אינם בריוו פון דער אמעריקאנער יידישער אקטיארן־יוניאן, געדרוקט פאריקן חודש אין „לשון און לעבן"—דער אונטערגעשריבע־נער דארף זיין הערמאן יאבליקאוו.

ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכ־מיטאגס האט מען צו די שלושים נאך י. ל. פיין געלייענט דעם נפטרס פעליעטאנען און לידער. גערעדט איבער אים האבן ח. נ. באנקוויטש, נעט רובין, אייזיק גאלד־בערג, מאיר באגדאנסקי און סעם לעף.

ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמי־טאגס, געווידמעט די יארצייטן נאך הערצל און ביאליק, האבן גערעדט איבער הערצ־לען ח. נ. בענקוויטש און איבער ביאליקן פרוי אסתר ערלעכמאן.

דער יידישער וועלט־קאנגרעס האט אויפ־גענומען ביי א גלעזל טיי די געסט פון בוענאס איירעס, דעם באקאנטן יידישן שריי־בער, ברוך האגער, מיט זיין פרוי. באַ־גריסט די געסט האבן: יוסף לעפטוויטש, ד"ר יעקב מייטליס, פרוי סידא און אנדערע. דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקל. דער חשובער גאסט האט דערציילט פון יידישן לעבן אין בוענאס איירעס.

די גוט־באקאנטע ישראל שרייבער, שמיר און מגד, וואס זענען געווען א צייט אטא־שעס אין ישראל־קאנסולאט דא אין לאנדאן זענען אפגעפארן צוריק קיין ארץ־ישראל. מיר זאגן זיי א הארציקן „צאתכם לשלום".

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־8 (העפט 389־90) 32־סטער יאר יולי־אויגוסט 1971, לאנדאן

## „שערי - ציון"* באלאדע

צעווייקט פון טרערן דער „שערי־ציון",
נישט צו דערקענען מער קיין איינציק אות,
שטייט ביים ציון־טויער א סאלדאט איצט,
שונא צו באגעגענען מיט געצילטן שאס.

אין זון און אין רעגן יעדע רגע,
אויף טויט און לעבן אזוי שטייט ער גרייט;
צו באהיטן, צו באשיצן די שטאט,
נישט אפצוטרעטן א טפח די ברייט.

. . . דרייט זיך ארום משיח פול טרויער:
וויאזוי זשע קאן ער דען אריינגיין,
אז פארן טויער א זעלנער שטייט?
און דרויסן אין גרויס געוויין בלייבט ער שטיין!

דערהערט דער שומר, דער באוואפנטער,
ביים ציון־טויער אויף דער וואך איצט שטייט,
דאס יאמערלעכע, דאס טיפע געוויין,
וואס קומט צו אים אריין פון יענער זייט.

גייט ער גיך צו און דערזעט משיחן —
בלייבט ער שטיין אויסגעצויגן, מיטן טראט!
און צעברעכנדיק די ביקס אויף שטיקער,
פירט ער אריין משיחן אין דער שטאט.

די נסים ונפלאות וואס געשען!
זע, דאס כלי־זיין וואס זיצט ביי זיין זייט,
נייך, נישט קיין שווערד איז עס און נישט קיין שפיז,
זיסע לידער אויסצוזינגען — א פלייט.

---

דאס תחינה־ספר איבער חורבן־ירושלים

יא, אז משיח טאקע געקומען,
איז ווער ברויך נאך געווער, ביקס און שווערט?
הער איבער דער גארער גאנצענער ערד,
דעם שופר־של־משיח שוין מען דערהערט.

און אלע זיבן חומה־טויערן
עפענען זיך מיט א פראל ווייט און ברייט,
און קינד און קייט, גאנץ מאה־שערים,
מיט גרויס פרייד משיחן אקייגנגייט.

דעם געזאנג אין די טויערן פון ציון,
צום ריטם־גאנג — ארויס פון כאאס!
אין דער שעה פון „לא יום ולא לילה״,
ווער זשע ווייס נאך אזוינס וואס איז זמן חצות —

צעווייקט פון טרערן דער „שערי־ציון״,
וואס דערינען שטייט, אז ווער שוין פארשטייט?
איז ביז משיח וועט קומען צו גיך,
סאלדאט אין יעדן ציון־טויער שטייט.

## י ר ו ש ל י ם

וואס איז ישראל אן ירושלים?
א מאמע — איר קינד פארלוירן!
קאן זי איפהערן צו פארגעסן?
טעג און נעכט — טרערן און טרויערן.

האט נישט א ירושלים־קעניג,
געווי געוווסט שוין צו ענטשיידן?
די איז די ריכטיק אמתע מאמע,
די וואס לאזט נישט דאס קינד צעשניידן.

און אויב ירושלים של־מטה,
זונהניש חלילה ווידער צעשניטן,
איר של־מעלה אייביק גאנץ וועט בלייבן,
אויף אונזער בראך־שטול אויסגעליטן.

מיט רויך־זיילן פון די שייטער־הויפנס,
פון קרעמאטאריעס איפגעגאנגען;
הויך דערהויבן איבער אלעמענס קעפ,
מיט קיין טמא־הענט נישט צו דערלאנגען.



## ט ר י פ ט י ך

1

איך בין נאך א גלות־ייד,
שווער מיך זיך צוצוגעוויינען,
ווען כ׳הער העלדן געפאלן
און מאמעס טון זיי באוויינען.

צי מוז עס רק אזוי זיין
און אנדערש איז עס אוממעגלעך,
ס׳לעבן אוועקצוגעבן
טאג־טעגלעך, ווערן אלטעגלעך?

איך בין נאך א גלות־ייד,
און שווים אין ימים פון טרערן —
א גרויל גייט איבער מיין לייב
נצחונות צומאל צו הערן.

2

געטראפן דא א ייד אין גאס
און געפרעגט אים ווי אים גייט,
האט זיין פנים איפגעשיינט מיט
צהלה ושמחה־פרייד:

„אז וואס מער נאך קאן איך וועלן,
איך האב א זון אין צה״ל״
און פון זיין אויג אראפגעטראפט
נישט קיין טרער — א טראפן טל.

איך האב מיין בליק אראפגעלאזט!
איז עס געקומען דערפון:
א ייד און סאלדאטן־גליק גאר?
צי ווייל איך האב נישט קיין זון?

3

אנגעברייט צו זיין הייליקער קרבן,
האט דאך געמוזט קומען דער מיטן מעסער?
אבער צי איז דער „ואל תשלח ידך!״
נישט הייליקער, אייביקער און גרעסער?

אמת, קרבן אבער נישט געשטארבן,
תחת כנפי השכינה געקומען —
דעם הויפן ערד אליין צוריקגעטראגן
אהין, פון וואו גאט האט אים גענומען.

„אל תשלח ידך אל הנער!" צום סוף,
אליין גאר א קרבן זיך ברענגען?
גאט, א מאמע ס'בילדל פון טויטן זון,
ווען זי טוט עס אויף דער וואנט אויפהענגען.

## דער חשבון מיט גאט (קליינע באלאדע)

ווען די קויל אים טויטלעך פארוואונדעט, אויפגעפלאטערט,
ווי צוויי פייגל ווילד פארוואונדערט זיינע ביידע הענט —
אין איינע פעסטגעהאלטן די געלאדענע ביקס,
אין דער צווייטער — דער אוישוויץ־נומער טיף איינגעברענט.

אפגייענדיק אין בלוט די לעצטע ווערטער נאך,
מיט זיינע לעצטע כוחות אויסריידן נאך געקענט.

„איינציקער פון דער משפחה געראטעוועטער,
א לעצטער געבליבענער פון אונזער גאנצער שטאט — —
האסט דו נישט אליין געזאגט: אחד ממשפחה
ושתים מן העיר' — —" מער נישט דערזאגט שוין ער האט.

די ביקס פון זיין פויסטיקע האנט ארויסגענומען,
אבער דעם ציפער — דעם חשבון וואס ער האט מיט גאט?

## פאר דער כותל

א

דאס הארט־פארשטיינערטע פנים
מיט גליאיקע אויג־אפלען צעבליקט;
בלויז ווי פייכט און ווי נאס ווערט עס
פון ליפן מיליאנען צוגעדריקט.

און ווען מען די טרערן זיינען,
אז וואס איז עס גרויס דער אונטערשיד?



איין הארץ קלאפט אצינד אין ביידע,
אין דער וואנט און אין פארשטיינטן ייד.

ווי שטיל. ס'איז, הער ווי א בת־קול
איבער דער כותל וויינענדיק רעדט:
„אשמני" — מיט א ייד, נישט קיין וואו,
די שכינה קלאפט זיך אין הארץ על־חטא:

„זעקס מיליאן יידן געקוילעט,
וויאזוי ווייטער קאנען אנגיין?
וואו מיליאן, דריטל פון מיין פאלק,
פון דעם געוויין א שטיין קאן צעגיין".

„הקדוש ברוך הוא וישראל
ואוריתא חד" — שטייט נישט אזוי?
פון געוויין, חלילה, נישט אויסגיין,
האלט זי מיט ליפ איין לעצטן אוי.

איר הארט, פארשטיינערט פנים,
מיט טויזנט אויגן איז עס צעבליקט — —
זע, ווי אן אייגן קינד אצינד
פעסט צום הארצן יעדן ייד זי דריקט.

ב

איבער צוויי טויזנט יאר שוין איז די כותל
דער פניאק טיף אין דער ערד נאך אונז געבליבן;
אונטערגעהאקט דער שטאם, צעפליקטע צווייגן
וועלק־בלעטער איבער גארער ערד געטריבן.

אבער זע, דאס וואונדער וואס געשען עס איז,
שטאם און צווייגן בליען פאר אלע אויגן;
פון אלע עקן וועלט, טויזנטער מיילן,
אונטער־ערדיש ווארצלען צום פניאק געצויגן.

די געשמאקע, די שמעקנדיקע פירות,
זאפטיקע, צייטיקע ארויסגעגעבן,
תמיד דאס פויגל־געפלאטער ארום זיי,
האפערדיק פרייד־געזאנג, יאדערדיק־לעבן.

אויב, חלילה, אצינד פּניאַק אויסקאַרניען,
דער שטאַם, די צווייגן פאַרוויאַנען אינגאַנצן;
קאָן זיך דען א בוים אָן אונטערגעהאַקטער,
אָן שורש־וואָרצלען וואו זיך נאָך פאַרפלאַנצן?

איבער צוויי טויזנט יאָר שוין איז די כותל
דער פּניאַק אין דער ערד דאָרט געבליבן שטעקן;
דער רעגן און דער טוי — אונזערע טרערן,
ריטשקעס זיך געצויגן פון אַלע עקן.

אַז די זון גיך־גאָלדן אין מזרח אויפגייט,
אין מערב שקיעה נאָך שלל פון פאַרבן!
אָן וואָרצלען, וואָס איז שפּיץ־בוים אין זון פאַרגיי?
אויסגעבלוטיקט פאַרנייגט ער זיך צום שטאַרבן.

ג

אַז איך דערמאָן מיך יענע שוידער־נעכט,
טאַטע שטייט אויף און חצות אָפּגעריכט;
פול שרעק־שאַקלדיקע שאָטנס די שטוב,
איבער זיין קאָפּ, קאַפּטשעדיק, ציטערט ס׳ליכט.

ער וויינט, ער העשעט, ער רעדט, ער פאָדערט —
בפירוש איך זע, אַז ער איז גערעכט!
ס׳געזיפץ ווען ס׳אַש אויף זיין קאָפּ זיך געשיט — —
קאָן מען דען פאַרגעסן אַזעלכע נעכט?

נאָך יעצט גייט אַ שוידער איבער מיין לייב
ווי דעמלט אַ פאַרטייעטער אין בעט;
האָב איך דאָך געזען עין בעין
ווי טאַטע, טענהדיק, מיט גאָט ער רעדט.

פאַר אימה, פאַר גרויל די אויגן פאַרמאַכט,
מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ מיך צוגעהערט — —
פון מיין טאַטנס שלוכצן נישט נאָר דעמלט,
נאָך איצט ווערן מיינע וויעס פאַרטרערט.

אין די נעכט, ליגנדיק אויף מיין געלעגער,
אַ חצות־אָפּריכט מיין יעדעס געדיכט;



ווי ער שרייט אין מיר, עס רופט, עס פאָדערט —
פאַר מיין בליק טאַטנס פּנים אומגעריכט:

„זע, די כותל גאָטס פּיסנבענקעלע,
נאָך האַלבער נאַכט קומט ער צו איר אַראָפּ,
און דאָס אַש פון די זעקס מיליאָן קדושים,
שיט ער זיך אַבלדיק־שטיל אויף זיין קאָפּ“.

* * *

אויב גאָט לאָזט אָפּמעקן זיין הייליקן נאָמען,
פרידן זאָל זיין צווישן איין מאַן און איין פרוי,
ערשט אייביקער שלום הערשן איבער דער וועלט,
וואָס אַלע מענטשן וואַרטן אויף אים אַזוי.

ס׳מים־המאררים וואָס מיר מוזן טרינקען,
און תמיד אויסגעפינען עס ווערט די זינד — —
אָבער אַז עס איז די זנות די גלוסט פון דער וועלט,
ווערט אויף בראַך־שטול געבוירן דאָס ממזר־קינד.

בלויז אַז תמיד ס׳איז אַזוי און ס׳מוז אַזוי זיין,
עס איז די ליבשאַפט דער חלום פונם מענטש,
און די שכינה זי שוועבט נאָך איבער די מענטשן,
וויפיל שלום אין הארץ, תפילה און געבענטש.

אויב גאָט לאָזט אָפּמעקן זיין הייליקן נאָמען,
פרידן זאָל זיין צווישן איין מאַן און איין פרוי,
ערשט אַז שלום ס׳זאָל זיין איבער גאַנצער וועלט,
און קיין געציקטע שווערד מער מגוי אל גוי — —

## תשער - באב תשל״א

„איכה ישבה בדד העיר“,
איבער טויזנט און איין שטעטל,
דעם פסוק מיר זאָגן אים אַצינד.

אויף דעם וואָס מיט זיי געשען איז,
פון וויינען די אויגן ווערן בלינד;
ווי בריאיק ברענען די טרערן!
פון טראַכטן בלויז דאָס בלוט גערינט.

דעם וועג צו די שטעטלעך צוריק,
אז וויאזוי זיך דערטאפן?
נישט געבליבן א שטיין אויף א שטיין.

גאנצע ערד פול מיט אונזער בלוט,
וויאזוי א שליאַד קאנען נאכגיין?
איז דאך איין און איינציקע בלויז,
די געבליבענע כותל אליין.

ווען מיר אין גלות געגאנגען,
יעדער איינער טיף אינם הארץ,
א ברעקל מיטגענומען פון דיר.

מיר ברענגען איצט צוריק „אחד
ממשפחה ושתים מן העיר״—
אהיימגעקומענע קינדער,
וואס שטייען פאר טאטע־מאמעס טיר.

„איכה ישבה בדד העיר״,
דיין אליין זיין צוויי טויזנט יאר,
און אלע אונזערע פיין געלוינט.

ווען דו אצינט א פרייליכע,
פון דיינע קינדער צוריק באוווינט — —
ירושלים השלימה,
אלע פעלקער מיט שלום באקרוינט.

ח. נ. בענקוויטש

## דריי און צוואנציקסטע יאר מדינת-ישראל

דריי און צוואנציק יאר מדינת־ישראל — א גרויסע שמחה! ליידער האבן מיר נאך קיין איין רואיקן טאג געהאט די גאנצע צייט. אזוי איז דאס לעבן פון יחיד, איבערהויפט פון א פאלק. עס האט אונז אויך דער נביא שוין לאנג געזאגט „אל תשמח ישראל אל גיל בעמים״.

ווען הערצל האט געשריבן זיין יידנשטאט האט ער געזאגט, אויב דאס יידישע פאלק וועט דאס ניט אננעמען, וועט מיר שטארק באנג טון; אויב זיי וועלן אננעמען, וועל איך האבן גענוג שוועריקייט אויסצושטיין. און ווער עס אינטערעסירט זיך מיט יידישער געשיכטע מוז וויסן וואס הערצל האט דורכגעמאכט די ניין יאר פארן ציוניזם.



וויצמאן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס האט דעמלט געהאלטן שלעכט, די וועלט האט געלעבט אין שרעק, בפרט מיר יידן. איז הערט וואס ער האט געזאגט אין דער דעוואנשייר־האל. „אויב מיר פאר־לירן די קריג, האבן מיר שוין ניט וואס צו זארגן״. עס הייסט היטלער וואלט שוין אונז פארזארגט . . . „אויב מיר וועלן געווינען די קריג, וועט אונז שוין קיין צרות ניט פעלן״. און מיר געדענקען דאך וואס מיר האבן יענע צייט דורכגעלעבט מיר געדענקען די שיפן, געזונקען מיט אונזערע אומ־גליקלעכע ברידער און שוועסטער. איך וויל ניט און קען ניט און עס איז אוממעגלעך ארומצורעדן אלץ, וואס האט דעמאלט פאסירט.

נאך דעם — 1948 קריג. ווען מיר פארלירן, וואלטן מיר שוין ניט געהאט מער צו זארגן. אבער מיר, ישראל, אונזערע חיילים, האבן גובר געווען דעם שונא באין ברירה. איז מוזן מיר ווידער קעמפן. נאך דעם קומט 1956, מצרים דערקלערט ווידער מלחמה און ישראל איז ווידער גובר דעם שונא.

די וועלט קען דאס ניט אריבערטראגן: אזא חוצפה! אט די קליינע, נייע מלוכה, האלט מלחמה מיט אזא מעכטיקער אראבישער וועלט און באזיגט זי . . . האבן די מלוכות געצאונגען ישראל צוריקצוגעבן די פארנומענע טעריטאריע. ווידער הויבט זיך אן נייע צרות. אראבער באפאלן, קיין טאג גייט פארביי וואס עס פאלן ניט קיין קרבנות; און די זעלבע צרות ווי פריער. אזוי ביז 1967.

נאסער דערקלערט ווידער קריג און ער איז זיכער, אז ישראל מוז ווערן אפגעמעקט פון דער וועלט — „אריינטרייבן אין ים״. און אט איז ער שוין אין תל־אביב, זאגט ער צו זיינע אנהענגער, זיינע אונטערטאנער גלויבן אים. א שרעק איז באפאלן די גאנצע יידישע וועלט, און ווער עס האט נאר א יידיש הארץ געדענקט וואס מיר האבן דורכגעלעבט. מיר האבן שוין גע־מיינט, אז דאס איז אונזער סוף; זעקס אדער זיבן אראבישע מדינות, מיט אפשר הונדערט מיליאן אראבער, קעגן אונזער קליין מדינהלע; און מיט שונאים אויף דער גאנצער וועלט, אויך אייגענע, יידישע שונאים אפילו אין אונזער לאנד . . . אונזער שרעק איז געווען ניט איבערצוטראגן.

מיר האלטן א דעמאנסטראציע, מיר האבן ניט געוואוסט אין וואס זיך אנצוכאפן פיל פון אונז האבן געזאגט, אויב, חלילה, אונזער מדינה ווערט צעשטערט, איז ניט ווערט מער דאס לעבן. און די מלחמה האט אויסגעבראכן. ישראל האט בעד עמנו ועדי אלקינו ובאין ברירה געוואונען די מלחמה אין זעקס טעג, געמאכט א תל פון זייער שטאלץ! און וואלטן נאך פיל צרות אנגעטון צו זיי ווען די יונייטעד־ניישאנס וואלט זיך ניט אריינגעמישט און אפגעשטעלט די מלחמה.

איז דאך גוט? איז וויאזוי מאכט מען שלום? ישראל האט געוואונען די מלחמה — איז די ערשטע זאך איין קליניקייט, בלויז איין קליניקייט — ישראל זאל אפגעבן אלץ, וואס זי האט פארנומען און נאך דעם, נאך דעם

וועלן מיר רעדן וועגן שלום. און מיר געדענקען דאך וואס עס האט פאסירט. אין 1956 האט ישראל זיך ניט אנגעכאפט אין אזא שלום, האט די ארץ־הדמים אונז געגעבן א נייעם נאמען — „אגרעסאר"! איר הערט, ישראל איז דער אגרעסאר, און ביי יעדער געלעגנהייט און אפילו אן א געלעגנהייט האלטן זיי אין איבערחזרן דאס ווארט „אגרעסאר".

זענען דאס ישראל, וואס האט דערקלערט קריג און זיך גערימט, אז זיי וועלן אפמעקן די אראבער פון דער וועלט־מאפע? עס איז דאך נאסער, וואס האט דערקלערט מלחמה, זיך גערימט אפצומעקן ישראל פון דער וועלט־מאפע! אריינטרייבן ישראל אין ים. איז דאס ישראל, וועלכע האבן געמאכט פאגראמען, געמארדעט, געשטאכן אומשולדיקע, פרידלעכע, ביטערע־שווערע ארבעטער, וואס האבן געטרוקנט זומפן? געקריגן פארשיידענע קרענק פון די פארעיפושטע זומפן. גייט אריין אויפן בית־הקברות הישן אין תל־אביב און איר וועט זען ברידער־קברים פון צענדליקער הרוגים, צווישן זיי אויך יוסף חיים ברענער, וואס די אראבישע מערדער האבן געמארדעט, געשטאכן מיט מעסער און אנדערע כלי־משחית.

און ישראל, וואס האט קיין אנדער ברירה געהאט ווי זיך צו פארטיידיקן און באזיגן דעם שונא, איז דערפאר דער „אגרעסאר". און נאך עפעס א נייעם „פשט" פאר אנטיסעמיטן, וועלכע רופן ישראל „אגרעסאר". זיי זענען ניט קיין אנטיסעמיטן, חלילה! זיי האסן נאר ישראל און ציוניסטן, אבער אזוי זענען זיי פריינט פון יידן . . . עס איז שלעכט און ביטער ווען איך דערמאן זיך, אז אין ישראל, אמיטגליד פון כנסת, חנפהט זיך צו אונזערע שונאים און פארט לארץ־הדמים, האלט פייערדיקע רעדעס קעגן ישראל פאר אראבער אין תל־אביב און מיר, יידן, אויף דער גאנצער וועלט ליידן און האפן.

איך האב מער קיין כוח צו רעדן וועגן צרות. אבער עס איז דאך, נאך אלעם, א חג שמח — אונזער נחת! אונזער קליינע מלוכהלע גיט זיך ביט אונטער. גערעכטיקייט איז אויף אונזער זייט. מיר ווילן שלום, זיכערן שלום; מיר ווילן זיך פארזיכערן. איר זאלט אונז ניט באפאלן ווי איר האט געטון ביז יעצט. מיר ווילן מיט אייך לעבן בשלום, עס זאל זיין גוט פאר אונז, פאר אייך, פאר דער גאנצער וועלט! און ביז וואנען־וואס, ישראל לעבט, בויט, מאכט פלאנען אויף אויסצובעסערן אלץ, און ווארט אויף שלום!

אסתר ערליכמאן

## א טרויעריקע דאטע!

מ׳קען ניט פארבייגן, און ניט אפמערקן, דעם טאג פון 16 יולי, 1942.

דעם טאג האט די פראנצויזישע פאליציי, אונטער דעם קאנטראל פון דער דייטשער מאכט, ארויס געפירט פארטאג 12,884 יידן, דירעקט קיין דייטשלאנד און פוילן 7000 מענטשן, זיינען צוערשט צוזאמענגעריבן געווארן, און דעם גרויסן פלאץ. (דער ווועלא, דראם ד׳ היווערלי א גרויסע געביידע, זיי



זיינען דארטן געווען פארשלאסן, אונטער דער שרעקליכער היץ, אן וואסער, צווישן זיי 4051 קינדער! אין דעם טאג, אין דעם איין טאג, און דאס איז נאך ניט געווען אינגאנצן געלונגען. ווייל עס איז פאראויסגעזען געווארן 28,000, אבער אסאך פון דער צאל האבן אין געהיים געקראגן צוויסן, און זיינען אנטלאפן!

אט דאס איז דער גרויסער ראפל פון 1942, אין דער וואך זיינען דעפארטירט געווארן 3,000 פון פאריז. פון אלע אנדערע געגנדן, ניט נאר פון וועל דיוו, ווי דאס האט געהייסן, ווי האט זיי אלע געטריבן איבער די גאסן פון פאריז צו דער באן, צום זיכערן טויט, און דער לעבן פון דער גרויסער לעבעדיקער שטאט, איז ניט אפגעשטעלט געווארן אויף איין מינוט, קיין הארץ האט ניט א ציטער געטון, אלץ איז זיך געגאנגען דעם נארמאלן גאנג. די טעאטערן, האבן געשפילט, די סינעמאס און אלע פארוויילונג פלעצער ווי שטענדיק איבערפולט, קיין זאך ניט געענדערט, קיין שטימע פון פראטעסט, ניט געווען קיין עמיל זאלע וואס זאל אויסשרייען

איך קען ניט שווייגן.

אין פאריז ווערט יעדער יאר דערמאנט די טרויעריקע דאטע, גרויסע צאל יידן, מאניפעסטירן צום מאנומענט פון אומבאקאנטן יידישער מארטירער, עס ווערן געהאלטן רעדעס, מ׳לעבט אויף דעם גרויל, פון מיט 31 יאר צוריק, מ׳גיט אפ כבוד די מארטירער, און עס הילכן אפ ווערטער, ניט צו פארגעסן און ניט צו פארגעבן, און שטיין אויף דער וואך אז עס זאל מער אזעלכעס ניט מעגליך זיין. די יידן פון פאריז, האבן דאס דורך געלעבט, אבער, די יידן אין אנדערע לענדער פון דער וועלט וויסן ניט פון דעם. איז דאס א חוב זיי זאלן וועגן דעם וויסן און זיך פארטראכטן און פארשטיין אז די חיה איז נאך ניט אינגאנצן טויט. און פון צייט צו צייט הויבט זי אויף דעם קאפ אין אלע עקן פון דער וועלט.

מיין דערמאנונג איז א צוגאב צו די דערמאנונגען וואס קומען פאר אין פאריז, און איך גיב אפ כבוד די קדושים.

שמעון ווזעק

## בערעלע, דער טרעגער

בערעלען האט דער טאטע ארויסגענומען פון חדר לאנג איידער ער האט אנגעהויבן לייגן תפילין. זיין מלמד האט ניט איינמאל געזאגט צו בערעלעס טאטן אז ער קען ניט נעמען בחינם לערנגעלט, מחמת דער יינגל האט א שוואכן מוח, באנעמט ניט וואס מען לערנט אים, און אפטמאל, דער עיקר אין די הייסע זומער־טעג, ווערט ער אנטשלאפן און פאלט אראפ פון דער באנק ביים טיש, די חדר־יינגלעך לאכן צווישן זיך און קאפען בערעלען מיט די פיס, און כאשט ער רירט זיך ניט און ווערט זיך ניט אפ, איז אבער א סומעטאכע אין חדר, וואס שטערט דאס לערנען.

פון די ארומיקע דערפער פלעגן דעם גאנצן זומער טאג־טעגלעך אריינפאלן אין שטעטל אומצאליקע וועגענער מיט זעק ווייץ און קארן צו די מילן. אין אט דער צייט, וואס האט אנגעהאלטן ביז אריבער די יום־טובים, פלעגן די טרעגערס, ווי עס איז האבן אביסל פרנסה, כאטש קיין טרעגערס, יידן און גויים, האבן אין שטעטל ניט געפעלט . . .

בערעלע איז מיט דרייצן יאר שוין געווען כמעט אזוי גרויס ווי זיין טאטע, נתן, אויך בלאנד איז ער געווען ווי זיין טאטע, און הענט האט ער אויך געהאט אזעלכע גרויסע, אבער טראגן א מינדסט זעקל מעל אויף די פלייצעס האט ער ניט באוויזן.

בערעלעס טאטע איז געווען ברייט און הויך געוואקסן, און ווען זיינע בלויע אויגן וואלטן געווען אביסל רואיקער און וואלטן ניט יעדער מאל א פינטל געטאן, ווען ער פלעגט זיך ארומקוקן, צי עמעצער זוכט ניט א טרעגער, וואלט מען אים קוים געקענט אונטערשיידן פון די גויישע טרעגערס, וואס האבן זיך ארומגעדרייט אויף דער יידישער גאס צווישן די געוועלבער, אבער א קול האט ער געהאט א שטארקערן ווי אלע גויים, וועלכע האבן אים רעספעקטירט פאר זיין גבורה. ס'איז אים גארניט שווער געווען צו כאפן א זאק מיט מעל אין איין ארעם, א צווייטן — אין אנדערן, און אויפן נאקן האט אים א גוי ארויפגעלייגט א דריטן זאק און האט זיך אליין אויף אים ארויפגעזעצט, און נתן, דער יידישער גיבור צווישן די טרעגערס, איז מיט אט דער שווערער משא געגאנגען גלייך איבערן גאס און האט לייכט געאטעמט ווי תמיד. אזוי איז ער געגאנגען פון איין געוועלבט אין אנדערן, וווּ מען האט געדארפט צוטראגן די סחורה. אין גאס איז געווען א געלעכטער, און די יינגלעך זענען פארפלעפטע אים נאכגעגאנגען.

אבער פון זיין בערעלען האט נתן געהאט פיל עגמת־נפש: אין חדר האט ער ניט געטויגט, א פעקל טראגן האט ער ניט געקענט, די שוואכסטע יינגלעך האבן אים מיט איין שטופ אומגעווארפן, און געוויינט האט ער אויפן קול ביז זיין טאטע פלעגט קומען מיט זיין גראבן שטריק . . .

צווישן דער מקווה און דער לאנקע ביים טייך, איז געווען א גרויסער, זאמדיקער פלאץ, וווּ די יינגלעך פלעגן נאכן חדר און זונטיק ארומלויפן און שפילן זיך אין אלערליי יינגלישע שפיל. מיט א ברעטל אדער מיט א שטיק האלץ־לאטע פון א פלויט פלעגן זיי שליידערן באלן פון שמאטעס צוזאמענגענייטע אדער שטיינער, וואס זענען דארט געלעגן. בערעלע פלעגט אמאל אוועק־גנבהנען זיך פון זיין טאטנס אויגן, און א שעמעוודיקער צוקומען צו דעם דאזיקן שפיל־פלאץ. לאנג איז ער דארט געשטאנען אין א זייט און מקנא געווען די יינגלעך, וואס לויפן אזוי צעהיצט און פלינק. איינמאל האט א יינגל אויף בערעלן רחמנות געקראגן און אים אריינגענומען אין דער חברה און אים געוויזן ווי א שלאג צו טאן א באל, אבער בערעלע איז גלייך ביים ערשטן שלאג געפאלן אויפן בויך, דאס ברעטל האט זיך פארדרייט צווישן זיינע לאנגע פיס, און דער שטיין איז געפלויגן אויף רעכטס אין מקווה אריין.



צעברעכנדיק א שויב, און איידער דער „מקווהניק“, האט עפעס באמערקט, זענען די יינגלעך זיך צעלאפן, און בערעלע איז געבליבן ליגן וויינענדיק אין זאמד.

בערעלע האט זיך פאר א לאנגער צייט דארט ניט באוויזן. דערווייל איז ער עלטער געווארן מיט גאנצע צוויי יאר.

לעבן בערעלעס שטיבל, אין דער שכנותדיקער הייזקע, האט געוווינט דעם „קאוואלטשיקס“ קליינע כאנקע, דאס באחנטע מיידל מיטן שווארצן צעפל. זי פלעגט אריינקומען צו בערעלען, פלעגט דערציילן אלץ וועגן איר טאטן, ווי ער פארריכט ניימאשינען, פארלייט צעבראכענע שבת־לייכטער, מאכט צורעכט די רעמען פון ברילן, וועגן איר מאמען, וואס באקט אזעלכע זיסע קיכעלעך, און וועגן אירע צוויי שוועסטערלעך און זייערע ליאלקעס. בערעלעס מאמע, די קליינע, דארע שרה, פלעגט כאנקען זייער גערן האבן און איר אפט מאל געבן אן עפעלע אדער א טעלער זופ צוזאמען מיט בערעלען.

איינמאל קומט כאנקע ארויס אין געסל און זעט בערעלען וויינענדיק זיצן אויף א טרעפל פון א לײדיקער קראם גייט איר הערצל איבער;

— — בערעלע, וואס איז?

—— דער טאטע . . מיטן גראבן שטריק . . זעסט, דא טוט אזוי ווי און אויפן רוקן אויך, ס'וואלט נאך געווען צום דערטראגן, אבער — —

— — וואס אבער?

— — פאר אלעמענס אויגן אין גאס שלאגט ער מיך און שרייט אויפן קול, אז איך בין א נאר, א ווארעם, כ'קען צוואנציק פונט מעל ניט טראגן, איך פאל זאגט ער, כאנקע, איכ'ל ניט אויסהאלטן.

— — בערעלע, גלויב מיר, וועסט נאך שטארק זיין, ביסט שוין באלד אזוי גרויס ווי דיין טאטע, מיינסט נאר דו ביסט שוואך. בערעלע, ווארט אביסל אונטער, איכ'ל דיר ארויסברענגען א קיכל, וואס מיין מאמע האט ערשט געבאקן, ס'שמעקט נאך ארויס פון פענצטער אזש ביז אהער, ווארט, בערעלע, כ'קום גלייך צוריק.

בערעלע איז שוין געלעגן איינגענורעט אין בעט, ווען זיין טאטע איז אהיים געקומען נאך מעריב, און איידער ער האט נאך געהאט אפגעגעסן וועטשערע זאגט ער צו זיין ווייב:

— — שרה, וואס איז מיט דיר היינט, קוקסט עפעס אזוי מאדנע . . .

— — כ'זאל אנדערש קוקן ווילסטו, אז בערעלע קומט אהיים א צעשלאגענער און פאלט איך בעט אריין ווי א שטיק האלץ און עסן וויל ער ניט, איז ווי זאל ער דיר שלעפן די שווערע זעק, ווילסט אים דערהרגענען? וואס פארא טאטע ביסטו, אז נאר שלאגן, שלאגן קענסטו!

— — שרה, מען מוז דאך זיין א בהמה און ניט אין כעס ווערן, ווען מען זעט אזא גרויסן אקס אוועקפאלן, ווי א נאסער זאק מיט קוים צען פונט —

ש־ש־שא, בערעלעווארפט זיך עפעס אזוי, ווער ווייסט וואס פארא שלעכטע חלומות אים פלאגן, און אפשר הערט ער וואס מיר רעדן דא.

צומארגנס איז בערעלע ארויס אין גאס פריִער ווי אלעמאל, און פארבייגייענדיק פאר כאנקעס אפענעם פענצטער, האט ער צו איר אריינגעשריִען א „גוטמארגן”: און צו זיך אליין האט ער שטיל געזאגט: ז'א שיינע, די כאנקע, פאר איר וועל איך אלץ טאן, און פלוצעם האט ער צו זיך אליין אויפן קול א זאג געטאן: כ'וועל שוין מער ניט שוואך זיין! און איז אוועק אין גאס.

אויך גלייך דעם זעלבן טאג, נאך פאר מיטיק, האט בערעלע דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן ארויסגעוויזן מוט און גבורה;

א חברה שקצים האבן געווארפן שטיינער אין א שוואלבן־נעסט אונטער דעם דאך פון דער מיל ביים טייך, און צוויי קוים־געבוירענע שוועלבעלעך זענען אראפגעפאלן טויטע אין גאס, און די שוואלבן־מאמע איז געפלויגן אהין און אהער און יעמערלעך געפיפסט. בערעלע האט זיך גיך א ווארף געטאן אויף די שקצים אונ איינעם נאך דעם אנדערן צעפאטשט און צעשלאגן, און ווען ער האט געכאפט א ברעט, וואס איז געלעגן ביים בריקל און דערמיט געטומען פאכן צווישן די שקצים, זענען זיי זיך צעלאפן, און האבן זיך פאר א לאנגער צייט ניט געוואגט צו קומען נאענט צו בערעלען.

און בערעלע האט ביי זיך געטראכט: ווען כאנקע וואלט דאס געזען, וואלט זי מיך נאך ליבער געקראגן . . .

זינט יענעם טאג האט בערעלע שוין פאר קיינעם מער קיין מורא ניט געהאט, קיין איין יינגל, אפילו עלטערע פון אים, האבן אים שוין ניט געקענט אומווארפן, ער האט שוין געקענט א יונג א זעץ טאן אין ברוסט ווען יענער האט אים גערייצט אדער באליידיקט. און ס'האט לאנג מער ניט געדויערט ביז מ'האט בערעלען געזען יעדער טאג טראגן א גרעסערן זאק מיט מעל אויף זיינע פלייצעס.

איינמאל, ווען בערעלע איז שוין געווען זיבעצן יאר אלט, האט ער כאנקען ארומגעכאפט מיט זיינע גרויסע הענט און שטאמלענדיק געזאגט:

— — כאנקע, געדענקסט, דו האסט מיר אמאל געזאגט איכ'ל שטארק זיין? אזא מזל אויף דיר ווי איך טראג שוין די שווערע זעק, אלץ האב איך דיר צו פארדאנקען.

— — לאמיך אפ, מיין מאמע רופט, זי וועט אונדז זען, מער פעלט מיר ניט . . .

און ווען טאטע און זון האבן צוזאמען געטראגן די שווערע זעק מיט מעל אין די קראמען אריין, האט זיך געקענט דאכטן, אז בערעלע, דער טרעגער, איז געווען נתנס א יינגערער ברודער.

וויליאם גאלדמאן

## די הויפטזאך איז רייפקייט

א געוויסן פרימארגן ווינטער, ווען כ'בין נאך געווען א קינד, איז מיין מאמע צוריק אהיימגעקומען פון איינקויפן און געפונען דעם טאטן מיינעם ליגן אויסגעשטרעקט אויף א לענשטול, ווי אפט אין יענע טעג, ביים פייער



אין אונזער קעלער־קיך, און האט אים אנגעזאגט א גוטע בשורה אריינקומענדיק,

— כ'האב דיר געפונען ארבעט!

דער טאטע האט אויף איר געווארפן א דערשטוינענדיקן בליק, וואס איז מיר באשיינפערלעך קלאר געווען אפילו אין אט דעם בין־השמשות. אזא זאך האט נאך נישט פאסירט, קיינער האט עס נאך נישט געהאט די העזה זינט ער איז אנגעקומען אהער אין יאר 1902 אין דער איסט־ענד, אן אימיגראנט אראפ פון א רוסישער פראכט־שיף, אים אנצוביטן ארבעט אויף אזא שרייערישן אופן. ער האט ליבער געהאט צו האנדלען מיט פיש א צוויי־דריי טעג אין דער וואך ווי צו האבן שטענדיקע ארבעט, און די איבריקע צייט פלעגט ער פארברענגען אין היימישע רעסטאראנדלעך, וואו מ'האט געקאנט קריגן לאקשן מיט יויך און שטרודל, שפילן א קערטל, זינגען פאלקסלידער און פירן דיסקוסיעס א גאנצע נאכט; און דער מאמעס רייד זענען אים עפעס פארגעקומען ווי א מיאוסע דראהונג לגבי זיין ברייט לעבן. נאר דעם אמת געזאגט, האט ער לעצטנס געהאט גאר ווייניק פארדינט אויפן מארק און מיר האבן זיך געפונען אויף צרות. א הויכער, א שטילער און וואס קימערט זיך ווייניק, האבן אבער אירע ווערטער אזוי געווירקט אויף אים, אז ער האט א נעם־אוועק געגעבן די פיס פון פארן פייער — ביי א מער טעמפעראמענטספולן מענטש וואלט עס געווען ווי אויפצושפרינגען פון ארט מיט א געבייזער.

— פון ווען אן האב איך עס דיך געבעטן מיר צו געפינען ארבעט? — האט ער זיך טאקע געבייזערט אויף זיין מאדנעם ענגליש.

מיין מאמע, וואס איז להיפוך צו אים קליין, פלינק און אומגעדולדיק צו קומען צו א טאלק ווי דאס רוב מענטשן עס אויסצומיידן, האט אים דערציילט, אז מען זוכט א „וויינאכט־מאן” ביי אונטערמייערן אין גרויסן געשעפט.

— שוין טאקע שיינע ארבעט זוכט זי מיר אויס, — האט ער גערעדט אין טונקעלען צימער אריין, און איך האב מיר אריבערגעבויגן דעם קאפ מכלומרשט איבער מיינע לערנביכער. — מיין סקאל מענטש וויל זי זאל אראפקריכן איבער קוימענס.

— וועסט נישט האבן אראפצוקריכן איבער קיין קוימענס.

— וועסט נישט האבן אראפצוקריכן איבער קיין קוימענס זאגט זי. וואס מען וועט דיר געבן געלט בחינם, הא? — האט פארעכטלעך א מאך געטון מיט דער האנט. — זי איז א נארישע יידינע!

— כ'זאג דיר, אז וועסט נישט דארפן אראפקריכן איבער קיין קוימענס! וועסט בלויז שטיין אין געוועלב צו פארקויפן שפילצייג צו קינדער. עס איז א גאנץ לייכטע זאך. אויפן מארק באדינסטו מענטשן מיט פיש, הא? וועסטו זיי דא באדינען מיט שפילצייג.

ר'האט א זיפץ געטון און געזאגט אין א נאכגיביקן טאן, אין וועלכן די האפנונג איז געווען גאר א שטיל, שוואך קול, וואס האט געהאלטן אין איין

ווערן שוואכער און שוואכער, — איך זאג דיר, אז מען וועט מיך נישט אננעמען. כ׳בין דאך אן אויסלענדער.

— מר. אונטערמייער אליין איז אויך אן אויסלענדער! און אסך פון זיינע קונים זענען אויך אויסלענדער. ס׳איז דארט נישט ביי זיי קיין שולע פאר שפראכן. מען זוכט בלויז א קרעפטיקן מענטש. דאס איז אלץ.

— כ׳בין נישט אזוי קרעפטיק, — האט מיין טאטע פראטעסטירט זיין באשיידנקייט.

— מען פארלאנגט נישט אזא קרעפטיקן מענטש. סתם אזוי א שטארקן מאן, איז וואס מען פארלאנגט. האלטסט א זאק און טיילסט אויס שפילצייג צו קינדער.

— זי מיינט ס׳איז אזוי לייכט, — האט דער טאטע ווי זיך געסודעט מיטן פייער.

— וואס איז אזוי שווער דערביי? אנשטאט צו זיין דא וועסטו זיין דארטן. איז דאס טאקע אזוי שווער?

— א, — האט ער ווידער זיך געוואנדן צום פייער, — זי איז א נארישע יידינע. מען וועט מיך סאי־ווי נישט צונעמען.

— מען וועט דיך יא צונעמען. כ׳האב עס איבערגעשמועסט מיט מר. אונטערמייערס זון, דזשעק דעם מענעדזשער.

דאס מאל האט מען שוין נישט געקענט האבן קיין טעות אין מיין טאטנס שאקל מיטן קאפ. — האסט עס טאקע איבערגעשמועסט מיטן מענעדזשער?

— ער האט איבערגעחזרט די ווערטער צעטומלט ווי איינער וואס ווייסט, אז דער גזר־דין איז קעגן אים.

די ערשטע זאך, וואס כ׳האב געטון צומארגנס נאך טיי איז געווען צו גיין זעען וויאזוי מיין טאטע פארקויפט שפילצייג; מען האט מיך אבער נישט אריינגעלאזט אן אן אפצאל דורך דעם טירל אויבן אין געשעפט וואס פירט אראפ אין כישוף־קעלער אריין. דער אפצאל האט אייך בארעכטיקט אריינצוגיין און קוקן און גאפן אויף די קונצן פון ווייגאכטמאן און זיין געהילף, „אנקל שטעך־פאלמע" — וואס האט געהאט די עובדא אכטונג צו געבן, אז קיינער זאל נישט באקומען מער ווי איין שפילצייג — און אנצונעמען איין שפילצייג אויפן וועג ארויס גייענדיק לויט דער ריי. כ׳האב געזאגט דעם מיידל ביים טירל ווער איך בין, זי אבער האט מיר געראטן כ׳זאל בעסער כאפן א ווארט מיטן מענעדזשער, אויב איך וויל אריינגיין בחינם.

דער יונגער מר. אונטערמייער, א פליכעוואטער, א דיקלעכער און א האלב־צערודערטער ווי געוויסנהאפטע מענעדזשערס דארפן זיין, האט צו מיר א זאג געטון,

— בחורל, דאס מאל וועל איך דיך אליין אריינפירן, נאר זאל עס נישט ווערן קיין געוואוינהייט ביי דיר. כ׳גיי סאי־ווי אראפ זעען וואס דארטן טוט זיך.

אין קעלער האט אונז באגעגנט א הייס און שטיקנדיק גערויש, איבער וועלכן דעם טאטנס שארף און הייזעריק שרייען האט זיך געהויבן,



TOWER HAMLETS LIBRARIES

— רייפע שפילצייט רייפע שפילצייג! — א פיינלעכער אויסדרוק האט זיך באוויזן אויף מר. אונטערמייערס פנים.

נאכן צוקוקן זיך א ווײַלע פון דער אונטערשטער טרעפ צו אט דער סצענע, האט ער זיך גענומען אדורכשטופן צום טאטן און איך נאך אים. צוגעקומען צום פאטער, האב איך אים געהערט זאגן דעם אנקל שטעך־פאלמע, א קליין מענטשעלע ווי א קארליקל, אז ער זאל איבערנעמען.

ר׳האט צוגערופן דעם טאטן נענטער צוליב דעם געוואלטיקן גערויש און ווען יענער איז שוין געווען נאענט, האט ער אים אריינגעשריגן אין אויער אריין,

— איר זאלט נישט אויסרופן רייפע שפילצייג!

—פארוואס נישט? — האט מיין טאטע צוריקגעשריגן. — וואס איז דער חילוק וואס מען רופט אויס כל־זמן מען פארקויפט זיי?

— כ׳זאג דאך אייך, אז מען קען עס נישט טון. ס׳איז נישט דאס ריכטיקע ווארט.

— איך נוץ עס יעדעס מאל ווען כ׳פארקויף פיש.

— שפילצייג זענען נישט קיין פיש. שפילצייג זענען שפילצייג. דאס ווארט רייף פאסט זיך נישט אפילו פאר קיין פיש. מען קען נישט זאגן רייפע פיש!

— איך זאג עס שוין יארנלאנג און כ׳מאך א לעבן.

— איר מעגט מאכן א לעבן, ס׳איז אבער דאך נישט ריכטיק.

— אויב כ׳מאך א לעבן, וויאזוי זשע קען עס נישט זיין ריכטיק?

— איך קען מיך נישט שפארן מיט אייך א גאנצן טאג, האט מר. אונטערמייער צום סוף געזאגט, אפווישנדיק זיך דעם שווייס פון קאפ. נאר טוט מיר א טובה און נוצט מער נישט דאס ווארט רייף.

— א טובה, זעט איר, בין איך גרייט צו טון יעדן איינעם, האט מיין טאטע געענטפערט.

— טוט זשע מיר אט די טובה, כ׳בעט אייך. נוצט בלויז נישט דאס איינציקע ווארט רייף, גוט?

— גאנץ גוט, — האט דער טאטע געענטפערט מיט א זיפץ און מיט א פארחידושטן אויסדרוק אויף זיין גרויס, קיילעכדיק פנים.

— פיין! — האט דער מענעדזשער איבערגעחזרט, צוגעבנדיק מיט דאנקבארקייט, — איר מעגט געבן אייער יינגל איין שפילצייג בחינם. בלויז איינס.

צומארגנס אין דער מיטאג־שעה איז א מיידל פון געשעפט, א האנדלסאנגעשטעלטע, געקומען צו דער מאמע מיט א מעסעדזש, אז מר. אונטערמייער וויל זיך זעען מיט איר אויף א מאמענט. אזויווי ס׳איז געווען אויפן וועג צו דער שולע מיינער בין איך מיטגעגאנגען, און מען האט אונז אריינגעפירט אין א קליין צימערל אויפן פארטער.

— וואס איז געשען? — האט זי געפרעגט ביים אריינגיין. — איר׳ט מיר אפשר זאגן, אז מיין מאן איז נישט גענוג שטארק צו דער ארבעט. דא

אין דער גאנצער געגנט ארום וועט איר נישט געפינען קיין שטארקערן פון אים.

— הערט מיך גוט אויס, ליבע פרוי, און רעגט אייך נישט אויף. אייער אייגן יינגל איז אליין דא נעכטן געווען און געזען וואס מיך קוועלט. בסדר האלט אייער מאן אין איין אויסרופן רייפע שפילצייג. כ׳האב אים שוין געזאגט און אויך אייער יינגל און זאג אייך איצט; מען קען נישט זאגן רייפע שפילצייג. ס׳איז נאריש.

— אויב די שפילצייג פארקויפן זיך נישט — אט דאס איז נאריש, האט די מאמע אנגעוויזן.

— קוקט, מיסיס, — האט מר. אונטערמייער שוין פארגעסן זיין וועסט־ענדער סוחריש ענגליש און אפילו א שפריי־אויס געגעבן די הענט. — מיר לעבן דאך אין ענגלאנד און מוזן זיך צופאסן צו די זיטן דא. מען זאגט דא נישט רייף ווען ס׳האט צו טון מיט שפילצייג. ס׳טוט מיר לייד, אבער אזוי איז עס.

— ער איז גערעכט, מאמע, — האב איך מיך אריינגעמישט. — „רייף" באציט זיך אויף פירות.

— האלט ס׳מויל. — האט זי מיר געגעבן א שטורך מיטן עלנבויגן. — זע נאר ווער עס גייט מיך לערנען. כ׳האב נאך דיינע ווינדעלעך אין דער היים!

— מאדאם, טוט מיר א טובה, — האבנדיק דערוויל צוריקגעוואונען זיין גלייכגעוויכט און וועסט־ענדער מאנירן, — און רעדט עס איבער מיט אייער מאן. איך בעט דאך בלויז א קלייניקייט ביי אייך. כ׳וויל נישט, אז ער זאל געברויכן דאסווארט רייף. וועט איר מיר טון אט די טובה?

— זיכער. הייסט עס, אז איר ווילט נישט דאס ווארט רייף? יא, איך וועל עס אים זאגן. ס׳איז דאך מער נישט ווי א קלייניקייט, נאך אלעם.

מיר זענען ווידער אראפ אין קעלער אריין און זיך אדורכגעשלאגן א וועג צום טאטן.

— הער נאר, — האט מיין מאמע געשריגן צו אים. — דער מענעדזשער וויל נישט, אז דו זאלסט רופן די שפילצייג רייפע.

— וואס איז ס׳אומגליק,

— פרעג נישט מיך, — האט זי געזאגט. — איך בין נישט קיין פראפעסאר. ס׳איז מר. אונטערמייערס געשעפט און ער וויל נישט, אז דו זאלסט רופן די שפילצייג רייפע.

— כ׳קען דאך דא נישט שטיין ווי א נאר און גארנישט זאגן!

— פארוואס נישט? אויב דו קענסט זיצן און שווייגן אין דער היים, קענסטו דא שטיין און אויך שווייגן.

— דא ארבעט איך. ווען כ׳ארבעט מוז איך רעדן. — האט אויסגעשפרייט די הענט ווי אין א זשעסט פון פארצווייפלונג. — קענסט מיך הרגענען, אבער רעדן מוז איך ביי דער ארבעט.

— אלרייט, רעדט, — האט מר. אונטערמייער געזאגט, — נאר רופט די שפילצייג שיין, הערלעך. דאס וועט זיין ריכטיק.

— שיין, הערלעך? — דאס זענען אויך ווערטער?



שטיצנדיק דעם אנדערן צד ווי די מאמע פלעגט עס אפטמאל טון ווען זי האט געמיינט זי וועט האבן א מעלה איבער מיין טאטן, האט זי א שאקל געטון מיטן קאפ און אנגעוויזן אויף מיר: — ער לערנט זיך אין דער שולע און ער ווייסט. ער זאגט אויך, אז שיין, הערלעך איז ריכטיק.

— אמת, טאטע, — האב איך צוגעגעבן.

— זע נאר ווער עס זאגט מיר וואס איז אמת! דו פארדינסט נאך נישט אויף ברויט גייסטו מיר זאגן וואס איז אמת?

— און דו פארדינסט יא אויף ברויט? — האט די מאמע אים איבערגעהאקט. — האט אפגעארבעט בלויז אפאר וואכן, גייסטו עס שוין קאליע מאכן?

— ווער מאכט קאליע? כ׳ארבעט דאך ווי א פערד!

— טראכסט אויך ווי א פערד. כ׳האב דאך דיר געזאגט, אז דער מענעדזשער וויל נישט זאלסט געברויכן דאס ווארט רייף. איז דאס נישט גענוג?

— אלרייט, אלרייט, כ׳וועל שוין גארנישט זאגן. אויך מיר א שיינע ארבעט! מען מוז שווייגן ווי אין א תפיסה!

— איר קענט דאך זאגן שיינע, הערלעכע, — האט דער מענעדזשער איצט אביסל ווייכער פארגעשלאגן.

— שיינע, הערלעכע, עט — האט ער מיט א פארעכטלעכן זשעסט אויסגעדריקט זיין מיינונג איבער אט די ווערטער.

— כ׳זאל אזוי לעבן ווי כ׳קען נישט איינזען פארוואס דאס איז נישט ריכטיק, — האט דער מענעדזשער זיך געהאלטן ביי זיינס. — דאס זענען דאך די פאסיקסטע ווערטער.

— זיי געפעלן מיר נישט, — האט דער טאטע געזאגט מיט אומצופרידנהייט. — זיי האבן נישט קיין זין.

— אייער אייגענער זון גייט זיך דאך לערנען אין דער שולע און ער אליין האט אייך נאר וואס געזאגט, אז דאס זענען די ריכטיקע ווערטער.

— א, ער!

— הכלל, כל־זמן איר וועט נישט נוצן דאס ווארט רייף, ארט מיך נישט. — איר מעגט נוצן דאס ווארט פרעכטיקע, אויב איר ווילט.

— פרעכטיקע, — האט ער איבערגעחזרט האלב אין צווייפל, האלב אין חוזק. — ניין, ס׳געפעלט מיר נישט.

— טוט זשע ווי אייך געפעלט! נאר נוצט נישט דאס ווארט רייפע, דאס איז אלץ וואס איך פארלאנג פון אייך. כ׳האב נישט מער קיין צייט, — און האט אונז ארויסגעפירט דורכן געטומל.

שפעטער אין אוונט נאך וועטשערע האט דער טאטע פארביטערט אויסגעשטרעקט די פיס פארן פייער, און פלוצלינג א זאג געטון: — ניין, איך וועל בשום אופן נישט זאגן הערלעכע, שיינע. כ׳וועל ליבער האלטן דאס מויל פארמאכט! ס׳וועט זיין בעסער אזוי.

— יא, אסך בעסער, — האט מיין מאמע מסכים געווען. — דו האלט דאס מויל און מיר וועלן נישט האבן קיין צרות.

— אהא! — איז געווען זיין לעצטער פארעכטלעכער אויסדרוק איידער ר׳איז אוועק צו זיינע פריינט אין רעסטאראנדל ביי אונז אין געסל.

צומארגנס אין דער מיטאג־שעה האט זיך ווידער געהערט א קלאפ ביי אונז אין טיר און ווידער איז דארט געשטאנען איינער פון מר. אונטערמייערס געהילפן.

— מר. אונטערמייער וואלט געוואלט, אז דייך מאמע זאל אהינקומען צו אים.

— כ׳האב עס געוואוסט! — האט זי געזאגט ווען איך האב איר געבערענגט די נייעס. — אזא עקשן! דער סוף וועט זיין, אז מען וועט אונז אלע מוזן אויפ־נעמען אין א היים פונקבצנים, אט דאס וועט זיין דער סוף!

זי האט מיך געלאזט מיטגיין מיט איר, און אויפסנייי האט מען אונז אריינ־געוויזן אין קליינעם צימערל אריין. אחוץ מר. אונטערמייערן איז דארט געווען נאך איינער, און איך האב געקענט זעען, אז ער געפעלט עפעס נישט דער מאמען. פרעמדע מענטשן אדער מאדנע קארעספאנדענץ זענען תמיד געשטאנען אונטער א חשד ביי אונז אין געסל — צום באדויערן, גאנץ אפט מיט רעכט,— אז זיי האבן צו טון מיט שלעכטע נייעס, געווינטלעך מיט דער פאליציי.

— אט זענט איר, — האט דער מענעדזשער ממש געשטראלט פאר פרייד.

— דער דזשענטלמען — האט ער געזאגט צו איר — איז מר. נעיפס, א רעפארטער פון דער דאקסייד גאזעט. ר׳איז געווען ביי אונז אין געשעפט צו קריגן מאטעריאל איבער ווייַנאכט־מסחרים פאר דער צייטונג און איז געווען אין קעלער און געהערט ווי אייער מאן רופט אויס רייפע שפילצייג. — מיין מאמע האט יענעם צוגעווארפן א ביטערן בליק ווי צו א מסור. — יא, — האט דער מענעדזשער געזאגט, — ר׳האט עס ווידער געטון, — אין צו אונזער שטוינונג, מיט א שמייכל.

— ס׳איז נישט קיין קרימינעל פארברעכן, — האט די מאמע פראטעס־טירט. — ר׳איז בלויז א שטיקל נאר, דאס איז אלץ.

— בשום אופן נישט, בשום אופן נישט. — ביידע לייט האבן געשמייכלט.

— מר. נעיפס האלט עס פאר גאנץ אריגינעל. ר׳האט נאר וואס אראפגענומען א פיינע פאטאגראפיע פון אייער מאן דארטן אונטן אין קעלער, און גייט אנשרייבן אן ארטיקל פאר דער צייטונג נעכסטן פרייטאג. איצט וויל ער בלויז שטעלן אייך אפאר פערזענלעכע פראגן, אויך פאר דער צייטונג. מיר זענען זער שטאלץ מיט אייער מאן. א געבוירענער סוחר . . .

פראמינענט איך דער גאזעט פרייטאג איז געשטאנען מיט קידוש־לבנה אותיות: **„רייפע שפילצייג ביי אונטערמייערן ברענגען אריין אסך קונים.״** און זיי האבן זיי באמת אריינגעברענגט; ווארום די אונטערמייערס אליין האבן געהאט א גרויסן פלאקאט פארן געשעפט דעם זעלביקן טאג: **„צי האט איר געלייענט דהי דאקסייד גאזעט? קומט אריין צו אונטערמייערן קויפן די איינציקע רייפע שפילצייג**



**אין גאנץ ענגלאנד!״**

איך אליין בין געווען א טייל פון דעם נאטלאק, עדות פון אט דעם זעלטענעם פארגעניגן ווי דער טאטע מיינער א גליקלעכער רופט אויס „רייפע שפילצייג!״ אויפסנייי בקול־רם, צוליב וועלכן נישט בלויז וואס מען האט אים מער נישט געמאכט קיין שום פארוואורפן, נאר מ׳האט אים נאך באצאלט טאפלט פאר זיין ארבעט. און הגם ס׳איז ביי אונז, א יידישע פאמיליע, נישט קיין מנהג צו פייערן דעם געבורטסטאג פון קריסטוסן, האט עס אונז אבער נישט געשטערט פונקט ווי פאר אונזערע גויאישע שכנים, אט עס זאל אויך פאר אונז זיין זער פריילעכע ווייַנאכטן.

**א. אלמוג** איבערזעצט פון ענגלישן אריגינאל,

עלא זילבערג

## דער עגאאיסט

וואס מיין איז גוט,
וואס מיין איז שיין.
וואס מיינס איז וויכטיק,
וואס מיין איז ריין.
וואס יענעמס,
האט פאר מיר קיין ווערט.
מיך ארט נישט,
אויב עס ווערט צושטערט.

איך נוטץ די פריינט,
פאר מיין באגער,
איך לאך פון זייער
פיין און טרער,
מיך ארט נישט
וואס עס טראכט די וועלט
אבער איך קריג,
וואס מיר געפעלט.

א. נ. שטענצל

## דער נייער אנהייב

2

אז ס׳איז מיר דאך געלונגען אין די לעצטע צען יאר די קנאפע טויזנט זייטלעך „גזע און ירושה״ אויפצושרייבן און דערלעבט זיי צו זעען אפגעדרוקט נאך אין „לשון און לעבן״ איז טאקע נאר עפעס א נס מן־השמים. די גזע־גאנצקייט פון די געהייליקטע מענטשן, זייער ירושה־עכטקייט ווי מ׳זאל זיי נישט פעלשן, בלייבן זיי אין זייער שטאמיקער גראדקייט — אויסצוטראגן צומאל זיינע זויערע בית־קבורת־עפעלעך כאטש . . .

דעם שטאם פון פארווארצלטן בוים, מ׳קאן אים מיט א האק אונטערהאקן, דעם פניאק פון דער טיפעניש אויסקארטשען; אמת, ס׳עפּעלע פאלט נישט ווייט פון בוים, אבער עס פאלט, עס פארקייקלט זיך העט העט ווער ווייסט ווי ווייט . . עס ווערט ווערעמדיק . עס פוילט, פוילט.

די זוימענדלעך, וואס דער ווינט פאריאגט, צעפלאשעט, צעשפרייט—ווער ווייסט ווי ווייט אין וואס פאר א ערי חושך . . . אבער זיי ווערן דאך וואו פאר־זייט. דאס ליכטיקע אויג פון דער זון זעט זיי, די פייגל הערן דאס געבלעטער, זינגען צום טראפּ צו אונטער די צעוויקלטע יריעה־הימלען . . קאן דען זיין א צוועק גרעסער?

אבער דער תכלית פונם טייל „גערא‌נגל" איצט, וואס ברייך זיך צו ענדיקן מיטן יאר 1936, איז דאך נישט מער דער צוועק די מענטשן, די געשעענישן — אויפוויקלען די איכה־מגילה פון דער פינסטערער־פארוויקלטער ערד ווער קען דען? עס ווילט זיך דאך פאר זיך אליין כאטש קלאר מאכן, אז אלץ איז נישט פארטאכלעוועט געווארן . . . אז דאך, ווי נישט איז, איז עפּעס געלונגען צו „מאכן"; איז דאך עפּעס ארויסגעקומען — ארויסגעשפראצט! — און טאקע אינם זכות פונם ביסל ירושה, וואס אינם וויסטן ווילדן וועג מיטגענומען.

ס׳לעצטע ביסל כחות האלט שוין אזוי ווייט, אז מ׳מוז זיך שוין רעכענען מיט יעדן טאג, מיט יעדער וואך — מיט יעדן נומער „לשון און לעבן"! וואלט זיך געוואלט כאטש צופירן קודם צום יאר 1926, צו מיין „פישער־דארף" — א מיילשטיין אויף מיין וועג! געמיינט ער וועט זיך ציען און ציען, געפינענדיק — אויב נישט א דרך־המלך — א דארף־סטעזשקעלע, וואס וועט זיך ציען און ציען און דערפירן צו א זיכערן מקום — —

לאמיר גייך כסדר:

דאס געראנגל אין „און דו ביסט ג׳אט" איז נאך געווען אין מיר — איך בין געווען דער פלאץ פונם געראנגל! ס׳איז געווען א בארען זיך, א זיך ראנגלען מיט דער סטרא־אחרא, מיטן שטן — מיט מיין אייגענעם שאטן! איך האב געזוכט דעם „איך", געוואלט דערטאפּן דעם „דו" און מיך ראטעווען פון ביידע . . . יעדעס ליד איז געווען אן אנהאלטן זיך און א זיך ראטעווען — א גיין אויפן פארצויגענעם פעטלע־שטריק . . . מיט אן אויסגעשטרעקטער צונג דערפילן דעם טעם פון לעבן . . .

און ס׳איז געווען, אז דאס בוך „און דו ביסט ג׳אט" האט זיך דאך, ווי נישט איז, אפּגעראטעוועט — דא און דארט געפינט זיך אן עקזעמפלאר

און אז עס טרעפט און איך זע איצט ערגעץ דאס בוך און לייען דערפון צווישן אייניקע שורות, בלייב איך שטיין ווי פאר א וואונדער: זע, די שווארצע אותיות האבן דאך עפּעס נישט־דא׳איקס פעסט־געהאלטן, יוירנדיקס צוזאמענגעקנאטן, איך הער נאך — נאך א קנאפּן האלבן יארהונדערט! — דאס געשפּרודל אין מיין הארץ. דער קוואל טרערן־ נאך נישט גאנץ אויסגעטרוקנט . .

דאס בוך „זוך איך דיך", ליבע־לידער, איז געבליבן אין בליי ביים פארלאג אין לייפּציג; איך האב געהאט איין קארעקציע־אפּציג דערפון. וויזט



מיר עמעץ אין קאפּעע אן אנאנס: „ד״ר ווייכערט, אין ווארשע, גייט ארויסגעבן פאעזיע־ביכער פון מחברים און בעט מ׳זאל אים צושיקן כתב־ידן" —

איז וואס זאל איך מיך ארומשלעפּן מיט דעם פּעקל, האב איך עס אים אויעקגעשיקט און — ווי אין וואסער אריין! אינם הארץ גיט א צאפּל טיילמאל ווי עס דערמאנט זיך א טאטן אין א פארלוירן קינד . . .

טייל פון די לידער זיינען בשעתם געווארן געדרוקט אין ד״ר זוהלס איבערזעצונגען; איינס דערפון אין „מילגרוים" און אייניקע אין „די ליטעראַרישע בלעטער" — באמת, אז איך האב איין ליד געזען געדרוקט אין יידיש האב איך מער הנאה געהאט, ווי פון צען אין דייטש איבערזעצט.

יא, איך דערמאן זיך נאך: א סעריע דערפון מיטן נאמען „פינגער" האט לאצקי־בערטאלדי פון מיר גענומען פארן „וועג" אין ריגע.

איז אלץ וואס איז מיר נאך געבליבן דעמלט איז געווען אפּאר בראקן אין הארץ נאך — די פארוואגלונג אין דער פרעמד, די אפּגעריסנקייט האט אלץ צעפרעסן. א קול אן אן עכא איז ווי א מענטש אן א שאטן.

איז אויף מיין ווילדן אוואנטורע־וואנדער דעמלט אינם הארץ־געבירג, אין דעם פרימיטיוון געקלאנג פון די צעעכאטע בלעך־קאפּעלעס אין דעם מארש־געפלאנטער פון גערדיכטע וועלדער פון זון־אויפגיי ביז אין פארגיי, ארויף צו די הרי־חושך־טאפּנדיקע וואלפּורגיס־נעכט — צום נעבל־ניבעלונגען פארשלייערטן „בראקן", האבן זיך די לעצטע בראקן נאך געזאמלט אין מיין הארץ און ס׳איז געווארן מיין בוך „בראקן פון הארץ".

דער מאנוסקריפּט געפינט זיך נאך מסתם אין בערלין ביי עליזאבעט וועהלער.

די אריינפיר־לידער צום אויפמארש, די אוווערטירע, אזוי צו זאגן, פון דער אוואנטורע, זיינען געדרוקט געווען „אין נעסט", וואס וועוויארקע האט דעמלט ארויסגעגעבן אין פאריז.

א גרעסער קאפּיטל דערפון האט שמואל לעווין, אין יענע יארן, מיט אן עסיי דעריבער, געדרוקט אין דער „פרייער ארבעטער־שטימע"—

האט דאך דאס בוך דערלעבט דעמלט אן ארטיקל אין בערלינער „טאגעבלאט" — עס איז מסתם געווען דאס יידישע ווארטשפּיל „בראקן פון הארץ", וואס א זשורנאליסטקע האט אין קאפּעע באגייסטערט אויפגעכאפּט, און אנשטאט מיינע יידישע איניציאלן האט זי באנוצט פאר מיין פארנעמען „אדאלף".

איך קוק זי אן! „פאר פאעזיע פאסן נישט קיין איניציאלן. א פּאעט מוז האבן א פארנעמען, ס׳מוז זיין אינטים, ס׳מוז זיין —" אויף איר אופן א באגריף מכוח אינטימקייט . . .

צייטן פון כאאס, פון תוהו־ובוהו, באשאפן זיך זייערע פארמען. נישט בחינם האט עס אין יענע יארן געראיעט מיט פוטוריזם, דאדאאיזם, עקספרעסיאניזם. מ׳האט געזוכט פארם פאר דעם בלייאיק־בריאיקן, פאר דעם צעגאסן־צעגליטן, פון וואס יעדע פארם פלאצט־אויף.

שפּינגעוועבן האבן זיך געשפּונען, וואו זשומענדיקע פליגן האבן זיך

צום טויט פארצאפלט —

די ליריק ווערט א פארפלאנטערט געוועב פון סוף־זומער פעדעם, „באבע־יאכנעס“, וואס פארשוועבן מיט לעצטן געשטראל —

אזא איז געווען מיין בוך דעמלט אין די הארבסט־און־ווינטער חדשים, 1925־6 — „בוידעם־קלאץ און לאקשן־ברעט“.

וואלט איך עס נאך יעצט ערגעץ געפונען, איך וואלט עס נישט פארברענט — די צייט דעמלט איז געווען אזא ברענענדיקע —

א דארן, מען ברענט און מען ברענט און מען ווערט נישט פארברענט! דאס אליין איז דאך שוין א שטיקל נס . . . און אז ס׳גליקט נאך א רויז אפצורייסן, ווער קוקט דעמאלט אויף די פארשטאכענע פינגער . . .

אין יענעם ווינטער, איינגעלאדן פון דער שאקען־ביבליאטעק אין צוויקאו אויף א פארלעזונג, האב איך געלייענט דאס בוך.

איבער א שעה האט געדויערט דאס „רעציטירן“ פונם בוך. א. מ. אבערמאן, דער שאקן־ביבליאטעקאר, יעצט אין ירושלים, איז געווען דער פארזיצער פון אוונט. „דער אפלאוז איז געווען קאלאסאל“ — איך ווייס נישט צי עמעצער האט עפעס פארשטאנען — צוזאמענגעפאסט דעם צוזאמענהאנג! אבער צי ברויך מען דען? מען האט געפילט מסתם דאס בלייאיק־בריאיקע, וואס האט גערונגען פון דער צעפלאצטער פארם — פיל איך עס דאך נאך אצינד ביים שרייבן די שורות.

אבער דאס אלץ האט געלוינט און ס׳איז כדאי געווען, ווען כ׳דערמאן זיך דאס יאר 1926, ווען כ׳האב געשריבן „דאס פישער־דארף“. אלע גילגולים, אלע שבעה מדורי־גיהנום איז עס ווערט ווען מ׳דערפילט פלוצלינג, אז פון די שפינגעוועבן איז ברייט אויסגעשפרייט פאר דיר א לייוונט, וואס שפאנט זיך פון שאול־תחתית ביזן זיבעטן הימל און דו קלעטערסט פון שטאפל צו שטאפל און פון אלע בילדער־מזלות אנטשטייען זאכן, לעבעדיקע זאכן, זיי באשטאנען דיין „איך“, שטייסט פנים־אל־פנים מיט דיין „דו“ ווי אין א ליכטיקן שפיגל — דווקא דאס נישט־רעאלע איז אזוי לעבעדיק, בולט מיט הענט ממש אנצוטאפן — די שנאפסט דעם ריח פון די זאכן, ווי דער הונט וואס טאנצט דיר אקייגן, ווי דער ביק וואס באהויכט דיך מיט זיין אטעם.

דו קנעסטס דיך אריין אין שטיקער ערד און דו דערטאפסט דיין אייגן לעבן — איך האב די זאכן דעמלט גערופן „שטיל לעבן“.

אונטער דעם נאמען זיינען פערצן קאפיטלעך פון „פישער־דארף“ געדרוקט געווארן אין דער „יידישער וועלט“, ווילנע, אין יאר 1928.

נאר נישט כאפן די פיש פאר דער נעץ. האף איך דאך נאך צו קענען אנגיין ביז דעמלט, און אז גאט וויל אפשר נאך ווייטער.

איך האב נישט גערעכנט צוריקצוגיין צו אלטערן, כאטש אזוי איז געווען אפגעשמועסט, אז נאכן „באזוך“ זאל איך קומען צו אים שלאפן; נאר ד״ר מילער, מיך באגלייטנדיק צום טראמוואי און ביי דער „האלטע־שטעלע“ זיך אפגעשטעלט, מיך אנקוקנדיק פארוואס איך „שטייג“ נישט איין און אויף



מיין ענטפער, „עס לוינט נישט, ווי ווייט איז דען פון דא צום וועדינג,“ פארשטייענדיק אבער דעם ריכטיקן טעם, האט זיך גענומען געמיטלעך אויסווישן די ברילן און מיך שארף באטראכט מיט איין אויג שוין, מעשה אויגן דיאגנאסטיקער.

„אויב ס׳איז נאר צוויי־דריי „האלט־שטעלן“, וועל איך דיך שוין צובאגלייטן“.

איך האב אנגעהויבן ענטפערן . . .

„דו וועסט מיר נישט „פארמאכן“, דו האסט איינפאך נישט די דרייפעניגע“, און אנקוקנדיק מיך, מיט נאנטקייט, דורך די פריש־אויסגעווישטע ברילן:

„די נאכט איז אדורך מיט דערינערונגען, מיט שטימונגען, אזוי, אז דער צוועק פון דיין קומען איז גאנץ פארגעסן געווארן — איך האב דאך דיך געזאלט אונטערזוכן“.

ער האט ווידער נערוועז אראפגעכאפט די ברילן, פארקוועטשט אן אויג:

„יעצט זע איך עס נאך דייטלעכער — דו ביסט ווירקלעך קראנק, דו ביסט א פאציענט“.

„אלזא, מארגן ביי מיר!“ און מיטן זעלבן באשלוס פלינק ארויסגעכאפט פון בוזעם־טאש דעם טייסטער:

„ציטער נישט ווי דער טייוול פאר ווייררויך. איך האב א פעסטן געהאלט, העלענע אירן. דאס ׳לייע׳ איך דיר נאר . . ביי דער ערשטער געלעגנהייט“.

„איך האב קיינמאל נישט געליען און וועל עס קיינמאל נישט טון — איך לעב מיטן טאג און דאס איז מיין גאנצער כוח“. ס׳האט זיך מיר ארויסגעכאפט דער „ברוך ד׳ יום יום“, און כ׳האב אנגעהויבן צו לאכן.

„וואס דו פלאודערסט דארט! דאס איז נישט קיין באנקנאט, דאס איז א רעצעפט — ווארשיינלעך די ריכטיקסטע“. . .

מיר האבן זיך ביידע בארויקט, די שטילע, לידיקע גאס, די גייענדיקע לבנה איבער אונזערע קעפ האט אונז בארויקט. צוריק אריינשטופנדיק דעם באנקנאט האט ער שטיל אנגעהויבן:

„ווייסטו ווי אזוי איך האב געמאכט מיין דאקטאראט? איך האב מיך פיר יאר דורכגעפרעסן מיט די יידישע סטודענטן אין לייפציג — צווישן זיי פראכט־קערלע געווען! פון די שווינע רעדן מיר נישט — זאגאר זא ווייט געבראכט ביז צו א קליינער מאנאטלעכער שטיפענדיע פון א יידישן, רייכן פעלץ־הענדלער“ אויפן בריל.

ער האט געשוויגן א ווייל, נערוועז אויפגעווישט די ברילן און מיט א פארקוועטשט אויג אויף דער פולער לבנה, ווי ער וואלט צו איר דאס גערעדט:

„וויאזוי וואלט איך דען, ארעמער יונגע פון דרעזדען, צוריקגעקומען אן אינסגעהונגערטער, א נערוועזער אין צעשליסענעם שינעל . . . און אונזער שטוב, מיין צו שטילע מוטער, מיין צו רוישיקער פאטער“. . . ער איז פלוצלינג געווארן שטיל. מיר זיינען אבער שוין געשטאנען ביי אלטערס טיר.

איך האב געזען, אז אים פרייט וואס ער האט איבערגעהאקט, ווארום אריינקומענדיק אין שטראמיקן דערציילן, וואלט ער, אין דער אינטימקייט, אריין אין אזעלכעס, וואס מ׳באהאלט בעסער אין זיך . . .

„אלזא מארגן ביי מיר אין הויז, אויב דו ווילסט נישט, אז צווישן אונז איז אלץ אויס״.

אלטער האט זיך דערפריידט מיט מיר. ער האט אפילו נישט געמוזט אראפ פון בעט די טיר מיר אויפצומאכן. דאס שטיבל איז געווען אזוי שמאל, אז פון דער אקייגנאיבערדיקער וואנט האט ער דערגרייכט מיט דער האנט צו דער טיר.

דער געקרייזלטער קאפ אויפן נישט־באצויגענעם קישן, ביז צום נאפל א נאקעטער, אין ווינקל ליפ ס׳ציגארעטל, אין איין האנט אן אפן בוך, האט ער זיך צעלאכט ווי א סאטיר. ס׳צעקנייטשטע פנים זיינס האט זיך צעשטראלט מיט אלע הונדערט פאלטן און פעלטלעך, אבער זיין שפיץ־נאז נאך שפיציקער, ווי זי וואלט זיך געגריבלט אין מיין פנים, ווייל ס׳האט אים אויסגעזען צו ערנסט: „וואס האט ער געזאגט, דיין אויגן־דיאגנאסטיקער?״

איך האב מיך אומגעקוקט, געזוכט א בענקל מיך אנידערצוזעצן.

„וואס זוכסטו? דא איז קיין צייט נישט צו זוכן, דא האלט עס ביי דער פערמאנענטער רעוואלוציע . . . ווארף אראפ די הויזן און קריך אריין! ווי האט שוין געזאגט אונזער חכם פון אלע חכמים: ׳כי טובים השנים מן האחד׳ ״

איך בין נאך אלץ געווען אין דער דרויסנדיקער שטימונג . . . און ליגנדיק אין דעם שמאלן בעטל, די הענט אונטערן קאפ אויפן שמוציק־רויטלעכן, נישט באצויגענעם קישן, האב איך געקוקט אויפן באלטן, ווי איך וואלט דארטן עפעס געזוכט.

אלטער האט אויסגעדרייט זיין קאפ צו מיר, א רגע געקוקט און זיין פנים האט זיך ווי אויסגעלאשן און זיין שפיץ־נאז ווי א בייזער מלמד־טייטל האט זיך איינגעשטאכן אין מיר:

„עפעס געפעלסטו מיר נישט. וואס האט ער געזאגט, דיין שטערנזעער? טאקע יענע מעשה?״. . .

„יענע מעשה, די מעשה — די מעשה טויג נישט! מיר וועלן דא אלע קראפירן״.

„הערסטו, אין דעם גייט עס דאך!״ האט ער זיך צעלאכט, אז ס׳אייזערנע בעטל האט זיך מיט אונז ביידע צעשאקלט.

„אלטער, וואס פריידט עס דיך אזוי?״

„איך לעב אין דער עפאכע פון דער פערמאנענטער רעוואלוציע — איך בין א גליד פון איר! דו וועסט עס היינט ביינאכט נישט אויפנעמען, דו מוזט דיך קודם גוט אויסשלאפן. מארגן וועסטו „קאפירן״ — קראפירן!״

איך בין נאך אלץ געווען אין מיין דרויסנדיקער שטימונג און געקוקט אויפן שאקלענדיקן לעמפל, — וואס האט זיך מיטגעשאקלט צו זיין לאכן, — ווי אויף דער וואגלדיקער לבנה צווישן די וואלקנס:



„אלטער, אפשר לאזן מיר זיך ביידע נאך פאריז, נאך ליעזש — דער שטראם גייט דאך יעצט דארטן אהין — משנה מקום״, ווייל איך ווייטער ציען מיט דער לבנה און אלטער האקט מיך שארף איבער:

„ויקח יעקב מאבני המקום — פון אלע שטיינער מוז ווערן איין שטיין — אין דעם גייט עס. וואו מען איז, דא מוז עס געשען. עס איז קיין צייט נישט מער צו לויפן — יעצט הייסט עס מארשירן! מיט די קעפ אדורכזעצן . . .״

ער האט איבערגעריסן, אויף מיר געקוקט. איך האב געמוזט אויסזען זער טרויעריק, ווארום פון די אלע קנייטשלעך פון זיין גרויסן, איצט איינגעשרומפענעם פנים און שטערן האט מען נאר ארויסגעזען זיינע גרויסע, טרויעריקע יידיש אויגן. און מיט שפיץ־נאז, נאך געשפיצטער און שארפער, האט ער מיר איצט געטייטלט אין פנים אריין ווי א דרדקא־מלמד, וואס וויל קלאר מאכן א חמור־קאפ די צורה פון אן אלף—איך האב נאך אלץ געגאפיעט מיט מיינע גרויסע, אויפגעריסענע אויגן אויפן באלטן, אז דער מלאך־פאמפע זאל זיך באווייזן:

„כ׳פארשטיי, דיר פעלט די יידישע מאסע, עמך, דער הארעפאשניק . . . ווארשע, ווילנע, די יידישע אינטעליגענץ, די אודיענץ. די סטודענטן־היים דא וועט זיך דאך אויך באלד צעקריכן ווי אן אפגעטראגענע קאפאטע. מ׳וועט זיי, די סטודענטלעך, חתונה מאכן מיט פארזעסענע מיידן״.

ער האט געזען, אז איך וועק מיך; אז מיינע גאפיענדיק־אויפגעריסענע אויגן קוקן אויף אים, האט ער שטארקער אנגעהויבן, טאקע ווי פאר אן אודיענץ:

„דאס איז סאי־ווי נישט דאס מאטעריאל — דאס איז גוט פארן קנס־מאל, פארן ברעכן טעלער . . . די אמתע חתונה איז די גרויס־אינדוסטריע, די שווער־אינדוסטריע. מיינסט, אז איך זיץ דא אויפן רויטן־וועדינג בחינם? דא שפירט מען דעם אטעם. דאס אייזן איז צעגליט און מ׳מוז עס שמידן. מיינסט, אז איך וואלט אנטלאפן פון דער היים? פון מיין שטעטל, און וואס די געפארן זאלן נישט זיין . . . ווען איך וואלט נישט דערזען, אז אונזערע שוסטערלעך זענען גוט פאר נייען חליצה־שיך״!

ער האט געזען, אז כ׳וויל עפעס זאגן. „וועסט מיר מוחל זיין: יידן שמידן, פאר א גראם צו א לידל טויג עס אפשר נאך — ס׳איז פארפוילט אדורך און אדורך! די קליין־בורזשואזיע, די גרויס־בורזשואזיע . . . וויפל יידישע פראלעטאריער האסטו דא? דו וועסט זיי אפילו נישט אויף די פינגער אפציילן — יעצט מוז עס גיין מיט דער גאנצער פויסט . . . מיט מאזאליעס!״

מיר האבן שוין די נאכט נישט געשלאפן. ס׳האט נישט אנגעהויבן צו טאגן אין שטיבל — מיט אונזער טרויער האבן זיך די ווענט גרוי איינגעהילט; אין איין ווינקל האט זיך א שאטן געשאקלט ווי אונטער א צעקראכענעם טלית . . .

פלוצלינג האט א שארף פאבריק־סירענע־פייפן אלץ אויפגעריסן.

„איך מוז אויפשטיין!״ איז ער א שפרונג־אריין געגעבן אין די הויזן,

וואס ער האט זיי געהאט ליגן אונטער זיך, עלעהיי א ווייך־אונטערבעט אויף א דארער מאטראץ. ער האט דא מיך אנגעקוקט און דא זיך געשפיגלט אין די צעגלאנצטע הויזן: „זעסט, ווי פון אונטערן ביגלאייזן אפּויער".

ער איז אריין נישט נאר אין די „אויסגעפּרעסטע" הויזן מיטן שארפן קנייטש, נאר אלע זיינע הונדערט קנייטשן אין פּנים האבן זיך שטראליק צעגלאנצט:

„הערסט ווי דער רויטער ווערדינג לעבט? הערסט! דעם פּראלעטארישן מארש?" די פאבריק־סירענעס האבן געפּיפן איינע נאך דער אנדערער. „אז דו ווילסט, קאנסטו דיך דא אויסשלאפן. איך קום צוועלף אזייגער אהיים. אויב אבער דו קומסט מיט, וועסטו פּטור בלא כלום נישט אהיימקומען — דאס מוז מען זאגן די מארק־שטייערס זענען געבליבן אייגענע מענטשן — „קרעווו טא ניע וואדא:" און דאס הימל־בעט קאן בלייבן שותּפותדיק — וועט עס זיין עקאנאמישער"...

איך בין ממש אנגעשטעקט געווארן פון זיין לעבעדיקייט און האב געוואלט א שפּרונג־אריין געבן אין די הויזן אריין — כ׳בין אבער געפאלן דערנעבן.

ס׳שטיבל איז פול געווארן מיט זיין סאטיר־געלעכטער: „ברודער, דאס מוז מען קענען!"...

— המשך — אין קומענדיקן נומער —

## „שוואנען־געזאנג"־באלאדע

1

די אויגן וואלקענען זיך שוין,
דער קאפּ — א כמארע, פול גרוי,
און יעדער אטעם פון דער ברוסט,
א כראפּ, א זיפץ — אזא „אוי"...

זיין פארמוטשעט־הוילער גוף,
אן אויסגעמליטשעטע שטרוי;
בלויז זע, מיטאמאל — גאנץ ראפּטום,
און אלצדינג אנדערש אזוי.

אזויפיל גרין פאר די אויגן,
פון הימל — ימים פול בלוי,
און פון די וויעס די טרערן
טריפן אראפּ — טראפּנס טוי.

ניין, ס׳איז נישט די זון, נישט דער בוים,
בליציקער בליק פון א פרוי,



אריינגעפאלן אים אין אויג
ווי אמאל פונקט גראד גענוי.

און זע דער קאפּ א פויגל־נעסט,
פרילינג־געזאנג — יעדער אוי;
גראדער גוף — א שטאלץ־פולע זאנג,
פול גין־גאלד און תּכלת־בלוי.

2

איז דאך דא אן אנטרינען פון לעבן,
ווי ס׳איז קיין אנטרינען נישט פון טויט;
טא וואס אליין פארקניפּן די פּעטלע,
אז לייגן מען זאל הינטערן פּלויט?

צי וועט דען דארטן זיין גרינגער ווי דא,
טא צו וואס דאס געיעג, דאס געאייל?
ס׳איז דאך שוין סאי־ווי נענטער ווי ווייטער,
טא אויסהאלטן שוין דא נאך א ווייל.

דאס גוטע פונם לעבן ווייניקסטנס,
וואס ס׳מוז דאך נעמען אמאל אן ענד;
איז דאך דא אן אנטרינען פון לעבן,
פארוואס אומקומען פון אייגנע הענט?

דאס ביטערע פון לעבן פארזיסן,
ס׳קאן דער ארעמסטער נאך מיט א ליד,
איז חי־געלעבט, זיך אליין אויף להכעיס,
און לעצט ליד זינגען נישט ווערן מיד.

יא, נאכן טויט וועט עס זיך נאך שרייבן
ממעמקים־טיף אין זאמד אריין — —
וואס, די מתים קאנען נישט לייענען?
און איצט ווער לעזט עס, חוץ ער אליין?

3

קיין אטעמען, קיין הוסטל,
דאס הארץ גיט קוים א כריפּ,
די אויגן — ראפּע פארקלעבט,
דעם טעם שפּירט נאך די ליפּ —

װען די לעפעלעך זיס־װאַסער
זי דערלאַנגט אים צום מױל;
ער זאָגט מסתּמא איצט עפּעס,
נאָר מ׳הערט נישט מער זײַן קול.

אַ שלײַף־מוסקל באַװעגט זיך,
אָן אָדער רירט זיך נאָך;
אפשר נאָך אַ טאָג אַזױ,
צװײ, צי גאָר גאַנצע װאָך.

ער דערקענט זי, זי איז עס,
ס׳איז דער ריח פֿון איר הױט;
אַזאַ פֿרײד גײט דורך זײַן לײַב:
נײן, ער איז נאָך נישט טױט —

איז עס ס׳זיסע אױף זײַן צונג,
צי ס׳װאָרט נישט דערהערט מער?
אינעם לעפעלע־זיס אַצינד,
דערשפּירט ער האָט איר טרער.

## דאָס געבעט פֿון אַ שטאַרבנדיקער מאַמע

אַז אַ מאַמע זעט װי די קינדער
אױף איר טױט שױן זײ טוען בעטן,
דרײט זי זיך פֿאַר שאַנד צו דער װאַנט אױס
און די הענט װי טײג זי טוט קנעטן:

פֿון מײַן מױל ס׳לעצטע פּיצעלע ברױט
אָפּגעשפּאָרט כ׳האָב און זײ געגעבן;
שטײען זי שױן אַצינדער אַרום
מײַן אױסגעדאַרטן רעפּטל־לעבן.

נײן, אַ מאַמע די קינדער אירע
פֿאַרן טױט זי װעט נישט פֿאַרשעלטן;
בלױז זײ װעלן דאָך נעבעך בלײַבן
פֿאַרשאָלטענע פֿון בײדע װעלטן.

און צו דער פֿינסטערער װאַנט הײבט זי,
בעטנדיק, אירע מאַמע־אױגן:



„גאָט, ס׳איז נישט זײער שולד — ס׳איז די מילך,
מיט װעלכער כ׳האָב זײ אָנגעזױגן“.

אַ פֿאַרסמטע זי איז געװען,
װי מײַן פֿאַרגיפֿטיקט־ביטער לעבן;
דאָס אײנציקע, װאָס כ׳פֿאַרלאַנג פֿון דיר,
װי איך מײַנע קינדער פֿאַרגעבן!“

## עפּילאָג...

. . . װי ס׳דערצײלט זיך אין מעשׂהלע פֿונם „מאַמעס האַרץ“,
װאָס איר זון האָט עס פֿון איר אַרױסגעשניטן,
מיט װילדער פֿרײד צו זײַן געליבטער פֿלינק געלאָפֿן,
און אױסגליטשנדיק זיך אױפֿן װעג אײַנמיטן,

דערהערט ער װי דאָס מאַמע־האַרץ הײבט אָן צו רײדן,
תּחינהדיק־זיס אַזױ, שטילינק װי אַ תּפֿילה:
„מײַן קינד, קרױן פֿון מײַן קאָפּ, האַרץ מײַנס, מײַן טײַערינקער,
האָסטו דיר, מײַן זון, נישט װײ געטון, חלילה?“

די מאַמע — זאָל זיך לױפֿן מיען — איז דאָך שױן טױט,
און דער זון פֿונם פֿאַל נישט מער אױפֿגעשטאַנען,
װעלן מיר אַצינד ענדיקן דאָס מאַמע־מעשׂהלע,
אפשר אָן אײניקל ערגעץ־װאו פֿאַראַנען:

דער זון, דערהערנדיק די תּפֿילה־תּחינה װערטער,
איז זײַן האַרץ פֿון גרױס שרעק צוזאַמענגעבראָכן,
און ער איז שױן, נעבעך, קײן לעבעדיקער נפֿש
צו זײַן פֿאַלשער געליבטער נישט מער דערקראָכן —

ערגעץ טיף אין אַ ראָװ איז ער ליגן געבליבן,
ס׳ג׳בײַן צו קבֿר ישׂראל צומאָל נישט געקומען — —
יאָ, אַ מאַמע־האַרץ קען טאַקע נישט שעלטן, אָבער
אַזױ מסתּמא מוזן שלעכטע אומקומען.

אײַזיק גאָלדבערג

## י. ל. פּײַן, ע״ה

מיטן טױט פֿון י. ל. פּײַן איז פֿאַרלױרן געגאַנגען אַ װיכטיקע פּערזענלעכקײט. זײַן נאָמען איז באַקאַנט אין פֿאַרשידענע געזעלשאַפֿטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע קרײַזן. באַזונדערס איז ער געװאָרן פּאָפּולער אין ײדישן לאָנדאָן; בעסער געזאָגט, אין דעם אַמאָליקן, ברױזנדיקן, ײדישן װײַטשעפּל.

נאָך אין די אַמאָליקע יאָרן פֿונם אָנהײב פֿון יעצטיקן יאָרהונדערט האָט ער זיך קונה־שם געװען. דאָס איז געװען בײַם גרױסן ײדישן עמיגראַציע־

שטראם פון צארישן רוסלאנד, מיט וועלכן ער האט זיך שטארק פארנומען. ער איז אויך שפעטער געווארן דער פירער און סעקרעטאר פון דער „מענטל־מייקער יוניאן". אויך איז ער געווען טעטיק — א באקאנטע פיגור — אינם יידישן ארבעטער־רינג, געווינענדיק צוטרוי ביי די ברייטע מאסן דורך זיינע פעאיקייטן אלס רעדנער, קולטור־טוער או"וו.

מיט דער צייט האט ער זיך איינגעלעבט אויך מיט דער ענגלישער קולטור. אסך געלערנט, שטודירט און באוויזן זיך צו מאכן א גוטן נאמען אפילו אין די ענגלישע עפנטלעכע קרייזן.

אין יאר 1915 האט מען אים אויסגעוויילט צו ווערן סעקרעטאר פון דער „מענטל־מייקערס יוניאן", און אט דעם פאסטן האט ער געהאלטן אן ערך פון פינף און דרייסיק יאר ביז כמעט אלע יידישע טרייד־יוניאנס האבן זיך אנגעשלאסן אין די ענגלישע.

י. ל. פיין האט געוואונען ביי די וואלן צום שטאטראט—בארא־קאונסיל—פון סטעפני, וואו ער האט געדינט אלס ראטמאן פון 1934 ביז 1949 און אויך אין אנדערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס, דערגרייכנדיק גרויס אנערקענונג ביי דער ענגלישער געזעלשאפט. פאר אט די לייסטונגען האט דער קעניג בשעתו אים באלוינט מיט אן „עם־בי־אי" מעדאל. מען האט אים אויך באשטימט פאר א פרידנס־ריכטער — דזשאסטיס אוו פיס —. פון צייט צו צייט האט די בי־בי־סי אים איינגעלאדן צו געבן געוויסע אפהאנדלונגען אויף דער טעלע־וויזיע אויף פארשידענע טעמעס.

באזונדערס אבער וויכטיק איז צו באצייכענען זיין ספעציפיש־יידישע איינ־שטעלונג, זיין צוגעבונדנקייט צום יידישן ווארט, צום יידישן לשון און צו דער יידישער ליטעראטור. אויף יידיש האט ער פון צייט צו צייט געשריבן עסייען און ליריש־סאטירישע פאעמען, אויסצייכענענדיק זיך מיט א פיינעם סטיל און שרייבערישן טאלענט. זיינע זאכן האט מען געדרוקט אין ניו־יארקער „פאר־ווערטס", אין אונזער היגער לאנדאנער „די צייט", „די יידישע שטימע" און אויך אין זשורנאל „לשון און לעבן" אפטמאל. צווישן אנדערע זאכן זיינע הארף מען דערמאנען א זער געלונגענעם עסיי איבער משה עובד. אויך אויף ענגליש האט י. ל. פיין געשריבן און געדרוקט אין דער לאנדאנער „דזשואיש קראניקל" און אין אנדערע צייטונגען.

חוץ־מזה איז ער אפט געווען באטייליקט מיט גוט־פארטראכטע רעפעראטן ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס". געווען אויך א מיטגליד ביים יידישן וועלט־קאנגרעס.

איך בין פערזענלעך געווען באפריינדעט מיט י. ל. פיין און פון צייט צו צייט אים געשריבן „ידידי בריוולעך". אין זיינע ענטפערס איז מיר געפעלן זיין ארט שרייבן, וואס איז געווען א געמיש פון לאגיק און סאטירע. אט זענען למשל, עטלעכע אויסצוגן פון זיינע בריוולעך צו מיר: „ליבער פריינט אייזיק גאלדבערג, איך דאנק אייך, און בין צופרידן, אז איר האט פארגעלייענט מיינס א זאך ביי די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס. איך אליין האב קיין קאפיעס



פון מיינע 'שרייבעכצן'. צו דער זעלבער צייט האב איך אויך דערהאלטן א צייטשריפט פון יוסף לעפטוויטש. ער דערמאנט מיך אין א ליד, וואס איך האב אנגעשריבן אין 1929, וואס איז געווארן דעקלאמירט אין הויז פונם פארש־טארבענעם קאלאדאווסקי, ע"ה. איך האב קיין זכר פון מיינע כתובים. איך בין צופרידן ווען אנדערע דערמאנען מיך. גיט איבער א גריס צו פריינט שטענצל".

אין אן אנדער בריוול שרייבט ער: „דער פאקט וואס אייזיק גאלדבערגס בריוו איז אין יידיש און צביה גאלדבערגס צושריפט אין ענגליש איז א גוטער סימן, אז די פריינטשאפט צווישן ענגלאנד און ישראל וועט זיך פארבעסערן און אז די האפנונג פאר שלום אין מיטל־מזרח וועט פארווירקלעכט ווערן". . .

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאנען אן עפיזאד, וואס האט זיך אפגעשפילט צווישן י. ל. פיין און מיר מיט אן ערך פון צוואנציק יאר צוריק. דאס איז געווען גראד ביי א באנקעט פון „פריינט פון יידיש־לשון" לכבוד י. ה. ביעטש, ע"ה, צום דערשיינען פון זיין בוך „אויף שיידוועגן". דעמאלט האב איך געבעטן י. ל. פיין אונטערצושרייבן מיינע פאפירן פאר בריטישער בירגערשאפט אין זיין קאפאציטעט אלס „דזשאסטיס אוו דהי פיס". אזוי ווי דאס איז געווען גראד אין א זונטאג, האב איך געמיינט, אז עס וועט זיין בעסער אנצוגעבן די מארגנדיקע דאטע. דערויף האט י. ל. פיין געענטפערט, אז אונ־טערשרייבן וועט ער מיט גרויס פארגעניגן, אבער נאר מיט דער דאטע פון טאג, „ווייל מארגן בין איך נישט זיכער צי איך וועל גאר לעבן. מען איז נאר בלויז א מענטש". . .

* * *

וויכטיק איז נאך צולעצט אנצווייזן אויף א פאר פערזן פון זיינס א פאעמע, געדרוקט אין „לשון און לעבן" אין יאר 1967, בנוגע זיין אויפפאסונג פון לעבן און טויט, אט די פערזן געפינען זיך אין זיין ליד „מיין צוואה":

אין אייב וועלכע רעדנער, ליטעראטן,
וועלן נאך מיר א הספד וועלן מאכן,
זאלן זיי מיט מיר אפריער זיך בעראטן
ווי צו מאכן דעם עולם לאכן!. . .

עס איז קיין שום ספק נישט, אז ווען מען וועט שרייבן איבער דער עפאכע פון די לעצטע זעכציק יאר יידיש לעבן אין לאנדאן־ווייטשעפל, וועט מען מוזן אפגעבן י. ל. פיין א פארנעמען באדייטנד ארט.

איז געווען א נחת־רוח מיט אים צו פארברענגען.

כבוד זיין אנדענקען!

## א שלעכט - באצאלטע רעקלאמע . . .

א דייטשער אויסערן־מיניסטער אין א קאפל
קאן זיין א קלינגענדיקע רעקלאמע ?
א קאפל מיט שקלים — קופערנע, זילבערנע ?
פולע מיט גילדענע רענדלעך, מסתמא !

א וואונדער דייטשע וואליוטע אזוי הויך שטייט,
אז פון אלע די גאר העכסטע סאמע ?
פון דער גאנצער גוטמאכונג, שילומים־געלדער
דער באטרעף — איין יאר גוטע רעקלאמע !

זעקס מיליאן אין גאז־קאמער, אין קרעמאטאריע,
אין די פלאמען די יידישע מאמע !
ביזן זיבעטן הימל דאס פונקען־געשפריץ — —
קאן זיין פייערדיקער א רעקלאמע ?

פון בערזע צו בערזע, לאנדאן, פאריז, וואל־סטריט,
ס׳פינקט טעלעגראמע נאך טעלעגראמע — —
און מאסקווער קרעמל — שוין א באן־פיליאלע !
קאן זיין קרעמלדיקער א רעקלאמע ?

אטאם־עפאכע, לבנה־אסטראנאוטן,
וואס שוין א נקבה אין פידזשאמע ?
זעט א „פיקטשער" אין איר נאקעטן אמת —
היפ־היפ ! אט וואס עס מיינט א רעקלאמע —

ביי די גלעד־שטיינער שוין יעקב געשלאסן
א שלום מיט א לבן־ארמאי,
בלויז ביי יענעם ס׳איז געווען „יגר שהדותא"*
פארטייטשטע, אראמישע רעקלאמע —

א דייטשער אויסערן־מיניסטער אין א קאפל
קאן זיין א כשרערע רעקלאמע ?
מיט זיינע ידים ער באטאפט די כותל,
יעדן שטיין אין איר ער איז מטמא.

ש.

* בראשית ל"ג, מ"ז

## יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

בערנארד באראן סעטלמענט, העגריקעס סטר. 33 א.1.—3 אזייגער רעציטאציעס, געזאנג, רעדעס — יעדן שבת א פרישער פראגראם.

298

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10־9 (העפט 92־391) 32־סטער יאר סעפ.־אק. 1971, לאנדאן

א י נ ה א ל ט

ימים נוראים, לאנדשאפט, תשליך א.א. ........ *** 3
מיין טאטע אין לאנדאן. ........ ח. נ. בענקוויטש 10
ווידער א תפילה (ליד) ........ עלא זילבערג 14
ראש־השנה ........ אסתר ערלעכמאן 14
ווו קיין מענטש נישט פארהאנען (ליד) ........ י. ה. בינענפעלד 16
דער נייער אנהייב, אין היידפארק (פראזע און ליד) ........ א. נ. שטענצל 16
די אלמנה ........ ריימאנד לעווין 25
אויב דאס איז לעבן—האב איך נישט מורא פארן טויט. מ. מארגנשטערן 35
עלען ווינאגראד ע"ה ........ אייזיק גאלדבערג 36
א שטיקל חשבון־הנפש לשנת תשל"ב, אחר, רבינו אלעזר
ברבי שמעון ........ ש. 38
א ייד פון לובלין ........ יעקב גלאטשטיין 46
אז די פארצווייפלונג איז גרויס, ווערטער, שמואל ווהייט, מוזיק
........ מאיר באגדאנסקי 48

פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער ארבעט.

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*